אייזיק - מאיר דיק (1)

# ר' שמאיע

## דער

## גוט יום טוב ביטטער

דאס איזט איינע זייער שיינע בעשרייבונג, פון ר' שמאיע אליטער, גוט יום טוב ביטער, וואס ער האט צו קיין זאך שבעולם ניט גיטויגט, נור צו גוט יום טוב ביטען. אונד וואס פון אים וואקסט עס ביא אונז אין לינאווע דער שפריכווארט וואס מען זאגט אויף איינעם וואס נור בעשעפטיגט איז דאס ער איזט פארשמאיעט ווייל דיזער שמאיען וואר צום גוט יום טוב ביטען זייער פערשמייעט דאס הייסט זייער בעשעפטיגט.

ווארשא

Рабъ Шмаи дерь Гутъ Іомьтовъ битерь т. е. Поздравляющій Праздникомъ.

Варшава, 1860. въ Типографіи А. Гомберг



1

אין דיזען ערשטין קאפיטעל ווערט גירעט ווערדין עטוואס איבער דיא (קריטיק) דאס הייסט צו וואס נוצט די בעשרייבונג פון דיא שלעכטע זיטען וואס עס האבן אין זיך די פערדארבענע מענטשען אונד צו איזט דאס רעכט אזו צו טאן מן התורה אונד צו איזט דס אצונד אויך ערלויבט פון די רעגירונג.

הבדל גדול ורב המרחק בין המבקר והמוצא דבה יאמר אחד החכמים) עס איז אזו אגרויסר אונטער שייד צווישען דעם קריטיקער דאס הייסט צו ווישען דעם מענטשען וואס בעשרייבט די געשיכטע אונד די זיטען איינעם שעדליכען מענטשען אונד צו ווישען איינעם שעדליכען מענטשען וואס רעט נור שלעכטעס פון לייטען אזו ווי עס איזט איין אונטערשייד צו ווישען איין חונף אונד צו ווישען איינעם מענטש וואס דער ציילט וואהרע מעלות פון איינעם דעם אנדערען. (המוצא דבה) דער בערייער מאכט מיט זיינע צונגע איינע טיפע וואונדע דעם



דעם אנדערין אין הארצין ווי איין מערדער וואס וויל נור טייטען. אונד דער קריטיקער פערווינדעט נור איין (ארצט) דאס הייסט וויא איין דאקטער וואס מאכט איינע אפעראציע אדער ער צאפט אפ בלוט אום דעם קראנקען געזונט צו מאכען אדער נאך בעסר צו זאגן ווי יענע פראפעסארין וואס צו שניידען איינען טויטען קערפער אום צו פערשטיין פון וועלכן פעלער ער איז געשטארבן אונד דאדורך ווען זייא שוין קענען קוריערען איינען אנדערען, אונד רעטירען אוועלכי וועלכי נאך צו רעטירען מעגליך איזט. זייא בעשרייבען וואס עס האט אים געשאדעט אונד דער צווייטער היטעט זיך שוין. דען דער (קריטיקער) וואס בעשרייבט די געשיכטע פון איינען בייזען מענשן מיינט אויך דאבייא ניכט דיזען פערדארבענען צו רעטען וואס מען רופט אים אין טייטש מיט דעם נאמען (מוראלעשטויט) דאס הייסט וועלבער עס איזט שוין מיט זיינע ערליכקייט פאר בייא. נייו ער מיינט נור דאמיט מזהיר צו זיין דעם ווער וואס האט נאך אין זיך איין פונק מענשליכקייט אונד איין עהרענגפיל. אונד וואס איין קריטישע

בעשרייבונג

בעשרייבונג ווירקט אוף דעם מענשענס הערצין
דאס קענען ניט ווערקען צעהען מוסר ספרים .
וויל קיינעם ווילט זיך דאך ניט דס ער זאל זיין
געמיינט אונטער דיזע לעבערליכע געשיכטע .
קיינע שטיפמוטער וואס זיא איזט נור ניט
(מו[illegible]עשטויט) דאס הייסט וואס זיא האט נאך
אין זיך איין עהרענגעפיל וועט דאך ניט וועלען
דאס מען זאל איר רופען מיט דעם שרעקליכען
נאמען (גליקע די שטיפמוטער) אונד יעדער וואס
וויל נאך גילטען פאר אמענשען אונד גירעכענט
זיין פאר איין בראווען מאן וועט זיך שוין אין
אכט נעמען דאס מען זאל אים ניט רופען מיט
דעם לעבערליכען נאמען יעקעלע גאלדשלעגער
אדער אזו גאר מיט דעם צו נעמענס (ר' שמאיע
גוט יום טוב ביטער) . (שלמה המלך עליו
השלום אבי החכמים) שלמה המלך ע"ה דער
נערימטער פון אלע חכמים האט בעמערקט די
גרויסע קראפט פון (קריטיק) דאס הייסט וויא
וייט עס ווירקט אויף דעם מענשענס הערץ דיא
בעשרייבונג פון שלעכטע זיטען אויף דיא
לעבערליכטע ארט האט ער זיך דאמיט זייער

פיל



פיל בערינט וויא מיר געפינען אין (ספר משלי
קאפיטעל ז') ער האט דארט געשריבען דיא
זיטען פון איינער אויס געלאסענע פר[illegible]אין
הינכסטען גראד אונד עס איזט אים ניט גענוג
געוועזן דיא גרויסע אזהרות וואס עס שטייען
דאריבער געשריבען אין אונזער הייליגע תורה.
ווייל דיא קריטיק ווירקט מער וויא דיא (מוראל)
דס הייסט דר מוסר אונד דר עונש. דאהער אחי
ורעי מיינע ליבע ברידער אונד מיינע זייער
געליבטע נאציאן. נעמט אויף מיט וואול געפאלען
אלע דיזע ערציילונגען. דען זיא זענן געשריבען
נור צו אייערעם הייל אונד גליק בזה ובבא .
אונד רעכענט עס ניט נור פאר איין שפאס דאס
איזט נור איין איבער צוקירצטער מוראל אדער
מוסר :

## 2

פון דעם ר' שמעיא גוט יום טוב
ביטער אן קומען קיין לינאווע .
(עיר עדינה וקריה נאמנה לינאווע כיעולם)

איינע

# ר׳ שְׁמַאיֶע

דֶער

## גוט יום טוב בִּיטֶטֶער

דָאס אִיזְט אֵיינֶע זֵייעֶר שֵׁיינֶע בֶּעשְׁרֵייבּוּנְג. פוּן ר׳ שְׁמַאיֶע אַלִיטֶער, גוּט יום טוֹב בִּיטֶער, וָואס עֶר הָאט צוּ קֵיין זַאךְ שֶׁבָּעוֹלָם נִיט גִיטוֹיגְט, נוּר צוּ גוּט יום טוֹב בִּיטֶען. אוּנְד וָואס פוּן אִים וַואקְסְט עֶס בֵּייא אוּנְז אִין לִינָאוֶוע דֶער שְׁפְּרִיכְוָוארְט וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אֵיינֶעם וָואס נוּר בֶּעשֶׁעפְטִיגְט אִיז דָאס עֶר אִיזְט פַארשְׁמַאיֶעט וַוייל דִיזֶער שְׁמַאיֶין וָואר צוּם גוּט יום טוֹב בִּיטֶען זֵייעֶר פֶערְשְׁמַייעט דָאס הֵייסְט זֵייעֶר בַּעשֶׁעפְטִיגְט.

**וואַרשא**

Ребь Шмаія деръ Гутъ Іомьтовъ битеръ

т. е.

Поздравляющій Праздникомъ.

Варшава, 1860. въ Типографіи А. Помберг

# רב שמאַיע אַליטער, דער גוט־יום־טוב־ביטער *)

1

### ר׳ שמאַיע גוט־יום־טוב־ביטער קומט אָן קיין לינאָווע **)

אַ וואַסילישקער פור, וואָס איז געווען פול מיט אייער, האָט אַריינגעפירט קיין לינאָווע אַ בעל תפילה מיט אַ זינגערל. דער זינגערל — דאָס איז געווען ר׳ שמאַיע אַליטער, דער גוט־יום־טוב־ביטער.

אַזוינע טראַנספּאָרטן קומען גאַנץ אָפט קיין לינאָווע. אויף יעדער וואַסילישקער אָדער איישישקער פור אייער, וואָס קומט אָן אין שטאָט, זיצט אַ ייד אַ בעל־תפילה, אַ זינגערל, אַ דינסטמיידל... דער וואָגן אייער מיט די מענטשן, וואָס זיצן אויף אים, האָבן דעם אייגענעם סוף, וואָס די וועגן טיטון, וועלכע קומען אָן קיין לינאָווע פון פּאָליעסיע. דעם טיטון קויפן אָפּ די טאַבאַק־הענדלער, די אָקסן, וואָס זיינען

*) ערשטע אויסגאַבע — 1860. אונדזער נוסח איז לויט דער צווייטער, פאַר־קירצטער, אויסגאַבע פון 1873.

**) לינאָווע — ווילנע.

אײנגעשפּאַנט אין די װעגן, קױפן אָפּ די קצבים און די װעגן אַלײן — די רעדערניקעס; צוריק קערט זיך אום נאָר דער װאָזשאַק *). אַזױ איז עס אױך מיט דעם װאָגן אײער: די אײער קױפן אָפּ די מאַרק־װײבער; דער בעל־תפילה דאַװנט אָפּ ימים נוראים, בלײבט ער אין לינאָװע אַ מלמד; זײן זינגערל בלײבט אַן אָרעם־בחור; די דינסטמײדל װערט אַן אַם און דערנאָך אַ בעל־הכסניהטע... עס קערט זיך מער ניט אום װי דער פורמאַן אַלײן...

און אַזױ איז אױך שמאַיע דער זינגערל געװאָרן אַן אָרעם־בחור אין דעם זעלביקן קלױז, װאו ער האָט אונטערגעהאַלטן דעם בעל תפילה און װאו ער האָט באַקומען חן בײ דעם שמש, װאָס אים האָט אױך אַמאָל פאַרשלעפּט אַהער אַ װאָגן אײער.

שמאַיע איז געװאָרן אַ מתמיד און דערצו נאָך אַ שטיקל פרומאַק: פלעגט אָפּריכטן מקװה, חצות, פלעגט אױך אָפּט בלעטערן דעם זוהר און האָט אָנגעהױבן צו גילטן ביסלעכװײז פאַר אַ הײליקן: מען האָט אים שױן אָנגעהױבן צו רופן: רב שמאַיע...

2

## דער אומגליקלעכער גוט־יום־טוב־ביטער

עס איז דער חוב פון די אָרעמע בחורים, זײ זאָלן בײ די באַלעבאַטים, װאו זײ עסן טעג און בפרט שבתים און ימים־טובים, צודעקן די סוכה פאַר סוכות, אײנפלעכטן דעם הדס, ברענגען דעם אתרוג אין שול צו הקפות... נון, פאַרשטײט זיך, אַז אױך אונדזער ר׳ שמאַיע האָט צוגעדעקט די סוכה בײ דעם, װאָס ער האָט געגעסן בײ אים ימים־טובים. דער דאָזיקער ייד האָט געהאַט אײגענע הײזער, און ער פלעגט מאַכן אַ סוכה פון זײן דריטער שטוב; ער פלעגט לאָזן אַראָפּנעמען די שטאָלעװאַניע **) און צודעקן מיט סכך.

ויהי, און עס איז געװען, אַז ר׳ שמאַיע איז געקראָכן אױפן בױדעם צו רעכט מאַכן די סוכה, האָט ער דערשפּירט, אַז עס ליגן דאָרט עפּל.

*) װאָזשאַק — פירער, פורמאַן.
**) שטאָלעװאַניע — דאַך.



געשמאַקע עפּל, בפרט פרעמדע, האָבן װאָס צו זאָגן. אָדם הראשון האָט זיך געלאָזט פאַרפירן דורך דעם עץ הדעת, אַ פשיטא שױן אונדזער שמאַיע. און ער האָט אָנגעהױבן גאַנץ אָפּט צו באַזוכן דעם בױדעם, יעדן מאָל מיט אַן אַנדער אױסרײד: דאָס — צו פאַרריכטן דעם סכך, דאָס — אַרומצוזען די דעכלעך, דערבײ פלעגט ער אַרײנשפּאַצירן אין דעם אַנדערן בױדעם, אָנשטאָפּן די קעשענעס מיט עפּל און שטילערהײט אַראָפּגײן גאַנץ פרידלעך און פרײלעך, און די באַלעבאַטים פלעגן אים נאָך דאַנקען פאַר דער טרחא. אַזױ האָט ער געטאָן עטלעכע מאָל אין די דרײ פיר טעג, װאָס צװישן יום־כפור און סוכות. נאָר אין דעם ערשטן טאָג סוכות האָט זיך זײן גליק געענדיקט. אין דעם דאָזיקן טאָג איז ער אױפגעשטאַנען גאַנץ פרי און געדאַװנט ותיקין: ער האָט געמוזט ברענגען זײנע באַלעבאַטים צו דער צײט די אתרוגים, װעלכע ער האָט דערװײל, ביז װאָס־װען, געגעבן די דינסטמױדן און דינסטװײבער, זײ זאָלן בענטשן אתרוג. יעדע באַזונדער האָט אים מכבד געװען דערפאַר מיט אַ שנאַפּס, מיט אַ שטיקל פיש וכדומה, אַזױ אַז אונדזער ר׳ שמאַיע איז געװאָרן גוט פאַרשמאַיעט, ד. ה. פאַרשװעכט, און ער האָט קױם געקאָנט שטײן אױף די פיס. און אַז ער איז אַרױף אױפן בױדעם נאָכן דאַװנען אָנצופּאַקן די קעשענעס מיט עפּל, האָט ער, צוריקגײענדיק, פאַרפעלט די בעלקע און איז דורכגעפאַלן דורכן סכך אין סוכה אַרײן. ער איז געפאַלן אױפן טיש, װאָס אַרום אים זײנען געזעסן חשובע לײט פון שטאָט, װעלכע זײנען געקומען צום נגיד גוט־יום־טוב־ביטן. געפאַלן איז ער ניט גאָר שנעל, אַ קורצע צײט איז ער געהאַנגען אין דער לופטן, װאָרעם זײן זשופּעצע האָט זיך געהאַט פאַרטשעפּעט אָן די קרוקעס, װאָס זײנען געװען אַרײנגעשלאָגן אין די בעלקעס, — און דער עולם אונטן האָט צײט געהאַט צו באַטראַכטן זײנע ניט גאָר גאַנצע אונטער־קלײדער... אַרונטערצונעמען אים האָט מען ניט באַװיזן, װאָרעם אין אָנהײב האָט זיך דער עולם דערשראָקן און דערנאָך האָט מען אָנגעהױבן הױך אױפן קול צו לאַכן, און מען האָט אַזױ געקײכט, ביז ער איז אַרונטערגעפאַלן אױפן טיש מיט די פלאַשן װײן און די טאַסן מיט קאָנפעטורן און האָט אַ געשרײ געטאָן: גוט יום־טוב!

3

## ר' שמאַיעס פּרווּ העניע די הויכשפּרעכערקע, וואָס מען האָט זי גערופן פאַר דער חתונה „ארץ־ישראל־מיידל"

ויהי, און עס איז געווען, אַז ער איז אַלט געווען אַ יאָר אַכטצן, האָט מען אים חתונה געמאַכט מיט אַ מיידל, וואָס מען האָט זי דאַמאָלסט גערופן העניע די ארץ־ישראל־מיידל און שפּעטער, נאָך דער חתונה, — העניע די הויכשפּרעכערקע.

העניע די ארץ־ישראל־מיידל האָט מען זי גערופן, ווייל איר פאָטער איז מיט איר געפאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָר קוים איז ער אָפּגעפאָרן מיט איר אַ מייל זיבן פון לינאָווע, איז ער דאָרט, אין אַ קליין שטעטל, קראַנק געוואָרן און אַוועקגעשטאָרבן, און די מיידל האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין לינאָווע מיט אַ זעקל ארץ־ישראל־ערד... שמאַיען האָט מען עס איינגעשאַצט אין נדן, און די ברכה האָט שורה געווען אין דעם זעקל ערד, און עס איז קיין מאָל ניט אויסגעגאַנגען...

שמאַיע און העניע האָבן ביידע געפּאַסט איינער פאַר דעם אַנדערן: ער איז געווען אַ הויכער, מיט אַ קרומען רוקן, געבויגן רעכטס, זי איז אויך געווען אַ הויכע, און אַ קרומע, און געבויגן לינקס; ער, אַז ער פלעגט צושטיין, פלעגט ער אויסזען ווי אַ לעבעדיקער פראַגע־צייכן, זי — ווי אַ קאָטשערע; אַז זיי פלעגן גיין באַזונדער, האָבן זיי אויסגעזען, ווי אויסגעשפּאַנטע זייט־פערד, צוזאַמען — ווי אַן אָדלער מיט צוויי קעפּ... ער פלעגט ריידן הייזעריק אַ ביסל און זי — דאָס גלייכן; זי האָט געהאַט אַ בעלעם אויף דעם רעכטן אויג, ער — אויף דעם לינקן...

נאָך דער חתונה האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן „הויכשפּרעכערקע", ווייל זי האָט תמיד געשפּראָכן פון זיך און פון איר מאַן זייער הויך...

זי האָט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך ביי יעדערן אין שטוב און ווי יעדערע לעבט מיט איר מאַן. זי איז געווען אַ לעבעדיקער לוח, זי האָט געדענקט, ווען יעדע מיידל האָט חתונה געהאַט, וויפל מאָל זי איז געווען ניט גוט מיט איר מאַן, וויפל מאָל זי האָט זיך געגעט,



אין וויפלטן חודש זי איז. זי האָט געוואוסט, וועמעס פּערל עס זיינען פאַרזעצט, ווער עס איז באַרעדט, וואו יעדערער וואוינט און וואו ער האָט געוואוינט, קורץ דערפון: זי האָט געוואוסט פון אַלע טויטע און פון אַלע לעבעדיקע, פון יעדער גרויסער זאַך און פון יעדער קליינער זאַך...

די ליבע פון איר מאַן צו איר קאָנען מיר זען פון אַ פּאָר ווערטער, וואָס ער האָט אַמאָל צו איר געזאָגט, ווען זיי זיינען ביידע געקומען צו אַ שטרוימיקן טייך, וואָס איבער אים איז געווען אַ שמאָלע און אַ שוואַכע קלאַדקע. זיי האָבן זיך דאָרט ביידע אָפּגעשטעלט. זאָגט ער צו איר: „גיי דו פריער אַריבער, און אַז איך וועל זען, אַז די קלאַדקע איז גענוג שטאַרק צו טראָגן אויף זיך אַ מענטשן, וועל איך אויך דערנאָך אַריבערגיין". זאָגט זי: „ניין, דו ביסט אַ מאַנספאַרשוין, גיי דו פריער אַריבער". „פאַרשטייסטו מיך", האָט ער איר אָפּגעענטפערט, „אַז איך וועל גיין און וועל אַריינפאַלן, בלייבסטו אַן עגונה, צייט דו וועסט לעבן. אָבער אַז דו וועסט זיך דערטרינקען, האָט דאָס ניט צו מיר"...

4

## ר' שמאַיעס פּרנסות

...קיין באַשעפעניש אין דער וועלט פאָרט זיך ניט, ביז וואַנען איר שפּייז איז ניט פאַרטיק אין פעלד אָדער אין וואַלד. עס איז פאַראַן אַ געוויסער פויגל, קרייצשנאָבל, פאָרט ער זיך ערשט אין אָנהייב שבט, ווייל דאַן ווערט פאַרטיק זיין נאַרונג — די זוימענקערנער אויף די טעגענביימער... נאָר ביי אונדז, יידן, איז פונקט פאַרקערט: מיר האָבן פריער חתונה, האָבן קינדער, דערנאָך ערשט זוכן מיר פון וואַנען צו לעבן, און דערווייל לעבט מען זיך אויפן רעכענונג פון אַן אַנדערן... איינער פון אָט די דאַרמאָיעדעס*) איז געווען אויך אונדזער ר' שמאַיע גוט־יום־טוב־ביטער. פאַר דער חתונה האָט ער געגעסן טעג און נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהויבן עסן חדשים, האַלבע יאָרן און גאַנצע יאָרן, דען ער האָט אָנגעהויבן קנעלן און האָט אויסגערעדט מיט יעדן

*) דאַרמאָיעדעס — די וואָס עסן פרעמדס.

באַלעבאָס, אַז ער זאָל האָבן ביי אים עסן אַ חודש קעסט, און דערנאָך, אַז ער האָט באַקומען אַ שם פון אַ בעל פועל, דאָס הייסט פון אַ מלמד, וואָס קיילט די קינדער און מאַכט זיי פאַר האַלבע משוגעים און גאַנצע טויגעניכסטן, האָט ער שוין באַקומען האַלביאָרוויז קעסט און פלעגט גיין אַהיים נאָר נעכטיקן.

נון, פאַרשטייט זיך, אַז ער איז ניט געווען קיין בעל הוצאה. ער אַליין האָט געגעסן קעסט ביי די באַלעבאַטים; די ווייב האָט געזויגן נגידישע קינדער און זיינע קינדער האָבן געזויגן אַמען פון „צדקה גדולה״. און ווי נאָר אַ יינגל זיינער האָט אויפגעהערט זויגן, פלעגט ער אים אַריינגיסן אין מויל אַ לעפל קלויזנער־גריץ, אַזוי אַז זיינס אַ קינד האָט קיין מאָל ניט נהנה געווען פון אַן אייגענעם ביסן עד יום מותו...

פון דער מלמדות פלעגט ער האָבן פינף און פערציק דוקאַטן אַ זמן: פופצן תלמידים — פון יעדן דריי דוקאַטן. ער פלעגט אַפילו אויסריידן, ער זאָל מער ניט האָבן ווי צען תלמידים, פינף, אָבער, האָט ער געהאַט נעלמים. אַ חוץ מלמדות האָט ער געהאַט נאָך כמה וכמה פרנסות:

ער איז געווען אַ שדכן — דערפון פלעגט ער כאַפּן אַ קערבל, אַ טרונק בראַנפן געוויס.

ער איז געווען אַ בעל תפילה, פלעגט אויך מתפלל זיין אויף אַ חולה, אויף־זיין אויף אַ וואַכנאַכט.

ער איז געווען אַ מוהל.

ער איז געווען אַן עופות־שוחט; פאַר יום־טוב פלעגט מען אים דינגען אין שחיטה־שטיבל (אין די נעכט פאַר יום טוב קאַרגט מען ניט קיין שנאַפּס).

פאַר פסח פלעגט ער איבערזען ווייץ, האָט ער געהאַט דערפון אַ גראָשן און אַ קווערטעלע ביר.

ערב יום־כיפור פלעגט ער שלאָגן מלקות; דערפון האָט ער אויך געהאַט אַ גראָשן מיט אַ שנאַפּס און אַ פּירעשקע דערצו.

ער פלעגט שרייבן רשימות*) פאַר מחותנים, יידישע בריוולעך פאַר אַמען, פאַר דינסטן.

*) רשימות פון געסט, וואָס מען דאַרף פאַרבעטן אויף דער שמחה...



אָפט מאָל פלעגט ער זיין אויך אַ טוען... ער איז געווען זייער געניט אין יידישע דינים, דען ער פלעגט זיך שטענדיק משפטן מיט זיינע שכנים און מיט זיינע איידעמס (אַ טאָכטער האָט ער געהאַט נאָר איינע, אָבער איידעמס אַ פולע: דאָ פלעגט ער אָפגטן דעם איידעם און דאָ פלעגט דער איידעם אָפגטן די טאָכטער), ער איז אויך קלאָר געווען אין די דינים פון מזוזות, פון שכר מינקת, פון שם רע און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן... אין דעם טאָג, וואָס ער איז געווען אַ טוען, איז ער שוין ניט געווען פאַרשמאַכט, דען צו וועמען דען געהערט גאָר די ביר און די משקה, אַז ניט צו די טוענים?

ער פלעגט זיין ביי הטבת חלום, ביי התרת נדרים, ביי מצה שמורה אַ משגיח, אַן עדות אויף אַ גט...

אַ חוץ דעם פלעגט ער שטיין אַלע פרייטאָג ביים שולהויף מיט אַ פאַטשיילע צו נעמען נדבות.

5

## די פרנסות פון זיין ווייב

זי האָט ניט געשפונען קיין פלאַקס, קיין וואָל, ניט געדרייט קיין רעדל, נאָר געדרייט מיט דער צונג.

זי פלעגט מאַכן דעם מאַן די קנעלונג, פירן כלות אין וואַסער, פאָרן מיט זיי אויפן בית עולם פאַר דער חופה, פונאַנדערטראָגן חלקים פון אַ קימפעטאָרין, ווען זי איז אויפגעשטאַנען פון קימפעט, ברענגען שאלות נשים צו די מורה־הוראהס, מעסטן פעלד, אויף יום כיפור ליכט מאַכן, פאַרשאַפן אַ זויג־הינטל אָפצוזויגן די וואָרצלען פון אַ ערשטלינג אַ רייכער, צוריכטן די ארץ־ישראל־ערד, וואָס זי האָט געבראַכט זעקס מייל פון לינאָווע, שמיני עצרת און שמחת תורה גיין מיט איר מאַן גוט־יום־טוב ביטן, גיסן וואַקס, אויך בליי, פאַרלייגן אַ קאָלטן, פאַרשטיין זיך אויף ווייבערשע זאַכן...

און ווייטער — פלעגט זי איינענעמען נדבות.

6

## זיינע פינף היטלען און זיין קאַפּעליוש

...אַמאָל איז, ליבע לעזערין, דיין מוטער געגאַנגען אין אַ לייבל מיט קישקעס, אין פּאַנטאָפל מיט באַשמידטע קאָרקעס, איר קאָפּ איז געווען געגאָלט דורכאויס גלאַט, ווי היינט ביי דער נייער וועלט דער קינבאַק, ער איז אַרומגעוויקלט געווען מיט אַ וואָלענער טוך, ווי דער קאָפּ פון אַ טערק, אויפן האַלדז איז ביי איר געהאַנגען אַ זשמוט*) פּערל אויסגעפּוצט אָדער אַ האַלדזבאַנד פון פּערלשטיקלעך און קליינע פּערעלעך, גאָר פון אויבן, ווי אַ סובב, האָט זי געטראָגן אַ ווייסן ליילעך... ווען דו וואָלסט דאָס איצט זען, וואָלסטו זיך געשעמט; אַז מען וואָלט דיך געניייטיקט עס איצט אָנצוטאָן, וואָלסטו געוויינט אַזוי ווי דיין מוטער, בשעת זי האָט עס געדאַרפט אויסטאָן... דו פרייסט זיך, מיין פריינדין, וואָס דו ביסט איצט אייראָפּעאיש געקליידט, און איך פריי זיך אויך, דען אונדזער מענלעכער גאַנג איז אויך געווען ווילד: ווייסע זאָקן, שמוציקע שיך, אַ לאַנגע זשופּעצע, אַ דעליע, וואָס איז געווען נאָר אַ שפּילצאַצקע פאַר דעם ווינט, זי האָט ניט געשיצט פון היץ און ניט פאַרשטעלט פאַר אַ שטורעם, די לאַנגע אַרבל זיינען ניט געווען צום אָנטאָן, די פאָלעס האָבן ניט געטויגט צום איינוויקלען זיך... נאָר לעכערלעכער פאַר אַלץ זיינען געווען אונדזערע פינף היטלען.

די פינף היטלען — דאָס זיינען געווען:

איינס — די שטריימל. דער ווערך**) איז געווען פון סאַמעט און אונטן איז עס באַלייגט געווען מיט סויבלנע אָגאָנקעס***), און ווייל עס זיינען געווען פיל עקעלעך, וואָס זיינען געדעקט געווען איינע איבער די אַנדערע אַזוי, אַז עס האָט אויסגעזען ווי אַ קליינער שטראָם וואַסער, האָט מען עס גערופן שטריימל... די דאָזיקע היטל איז געווען קודש קדשים, מען האָט זי געטראָגן נאָר אום שבת און יום טוב, פּורים צו דער סעודה, אַ חתן אונטער דער חופּה.

*) אַ זשמוט — אַ בינטל.

**) דער ווערך — דער אויסערווייניקסטער שטאָף פון בגד, להיפּוך צום אונטערשלאַק.

***) אָגאָנקעס — עקלעך פון סויבל.



די צווייטע היטל איז געווען אַ קיילעכדיקע, פון אַ גוף סויבל... מען פלעגט זי טראָגן חול המועד, ראש חודש, ל״ג בעומר און אויף אַ שמחה; אַ בעל דרשער פלעגט זי טראָגן אויך אין דער וואָכן.

די דריטע היטל איז אויך געווען אַ קיילעכדיקע, אָבער פיל שמעלער און הינטן אויסגעשניטן. מען פלעגט זי רופן האַלבע לבנה, אויך חבד־ניצע, ווייל עס פלעגן זי טראָגן חסידים, קלויזנער און בטלנים.

די פערטע היטל איז געווען אַ קליאַפּאָווע; זי האָט געהאַט דריי קליאַפּעס אָדער לאַצן — איינע אַ ברייטע און אַ לאַנגע פאָרנט און צוויי קלענערע — ביי די זייטן. זיי זיינען געווען באַלייגט אָדער מיט סויבל, אָדער מיט עלק, אָדער גאָר מיט פוקס... די דאָזיקע היטל האָבן געטראָגן ס׳רוב בעלי־עגלות, וועגסלייט, באַלעבאַטים, בשעת זיי פלעגן גיין אין מרחץ...

די פינפטע היטל איז געווען די ראַגאָווקע, אָדער די אויערהיטל. פון פאָרנט האָט זי אויסגעזען ווי אַ שטריימל, פון הינטן — ווי אַ קליאַפּאָווע היטל. פון פאָרנט האָט זי געהאַט אָגאָנקעס און הינטן — צוויי קליאַפּעס אָדער אויערן... די וואָלינער רופן זי חצי־שבתל און דער חצי־רב, וואָס איז געווען דער גרעסטער גלייכווערטל־זאָגער, האָט זי אַ נאָמען געגעבן מתושלחס היטעלע. ער האָט וועגן איר פאַרציילט אַ גאַנצע מעשה. עס איז געווען אַזוי: מתושלח, וואָס האָט געלעבט לענגער פאַר אַלע מענטשן אין דער וועלט, האָט, פאַרשטייט זיך, דערלעבט צו זען פון זיך זייער פיל דורות: זין, אייניקלעך, אוראייניקלעך, אוראוראייניקלעך — כמה אלפים... נו, פאַרשטייט זיך, אַז ער פלעגט ווערן איינגעלאַדן אויף יעדן ברית, אויף יעדער חתונה און, פאַרקערט, אַז איינער פון זיי פלעגט, חלילה, שטאַרבן, פלעגט מתושלח גיין צו דער לוויה, קומען מנחם אבל זיין. ויהי — און עס איז געווען, אַז ער איז אַלט געוואָרן און האָט שוין ניט געהאַט קיין כוח צו גיין, פלעגט ער זיך מוזן לאָזן באַנוגענען מיט דעם, וואָס ער פלעגט אומבייטן יעדן מאָל די היטל. למשל, מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ביי אים איז געבוירן געוואָרן אַן אייניקל, האָט ער אָנגעטאָן די שטריימל, האָט מען, חלילה, אָנגעזאָגט, אַז איינער איז געשטאָרבן, האָט ער אָנגעטאָן די קליאַפּאָווע היטל. תחילת האָט ער געביטן די היטלען צוואַנציק מאָל

אין טאָג, נאָר דערנאָך, אַז זיין דור האָט, וואָס אַ יאָר ווייטער, זיך אַלץ פאַרמערט, האָט ער געמוזט בייטן אַזוי אָפט די היטלען, אַז אים איז קורץ געוואָרן דער טאָג; ער האָט שוין אויך ניט געהאַט אַזוי פיל קרעפטן אין די הענט, אַז ער זאָל צען מאָל אין אַ מינוט די היטל אויסטאָן און אָנטאָן. איז אים איינגעפאַלן אַזאַ זאַך: ער זאָל מאַכן אַ געטאָפּלטע היטל — אַזאַ, וואָס זאָל זיין פון איין זייט אַ שבתדיקע און פון דער אַנדערער זייט — אַ וואָכעדיקע... האָט מען אים אָנגעזאָגט אַ מזל טוב, האָט ער אַ דריי געטאָן די היטל מיט די אָגאָנקעס אויף פאָרנט, האָט מען אָנגעזאָגט, חלילה, אַז אַ קינד איז געשטאָרבן, האָט ער אַ דריי געטאָן די היטל מיט דעם אגאנעק אויף הינטן און מיט די קליאַפּעס אויף פאָרנט...

אין אַזאַ היטל פלעגן גיין באַלעבאַטים גבוהים, סוחרים, פּאָדריאַד־טשיקעס וכדומה. זי איז געווען אַ סויבלנע און האָט געקאָסט גאָר די געלט. די קירזשנער פלעגן אין איר אָנשפּיגעווען אַלערליי האָר פון אַלערליי באַשעפענישן. זי האָט נישט געטויגט ניט אין אַ רעגן, ניט אין אַ שניי און ניט אין אַ פראָסט; זי האָט געדינט נאָר אויף צו גיין אין שול אַריין, אין בית־מדרש, אויף אַ תנאים, אַ חתן גיין זען, מקבל פנים זיין, די לבנה מחדש זיין אָדער גוט־יום־טוב־ביטן. דערביי האָט זי געמוזט זיין צוגעדעקט מיט אַ פאַטשיילקע — זומער, אַז די זון זאָל איר ניט שאַדטן, ווינטער — אַז איר זאָל ניט שאַדטן דער שניי.

נון, אונדזער ר׳ שמאַיע האָט געהאַט אַלע פינף היטלען. עס איז ניט געווען אין זיי קיין איין גוטע האָר, דען זיי זיינען אַלע געווען אַלט און אויסגעקראָכן. און ווייל זיי זיינען דערצו נאָך געווען געפּלאָגט מיט דער דריטער פון די צען פּלאָגן, וואָס גאָט האָט געפּלאָגט דאָס לאַנד מצרים, האָט מען געגלויבט, אַז זיי זיינען שוין אַלט מער ווי דריי טויזנט יאָר, דאָס הייסט, אַז מען האָט זיי שוין גענוצט אין מצרים...

דער גוט־יום־טוב־ביטער האָט געוואוסט צו נוצן יעדע היטל אין איר צייט, לבד אין דער נאַכט פון הושענה רבה, ווען ער האָט זיי דורכגענוצט אַלע, ווי מיר וועלן דאָ ווייטער דערציילן...

אַ גאַנץ זומער זיינען זיי געהאַנגען ביי אים אויף דער וואַנט, צו־



געדעקט מיט שפּינוועבס: זומער האָט ער געטראָגן אַ קאַפּעליוש. קאַפּעליושן זיינען געווען דאַמאָלסט צווייערליי: איין סאָרט, וואָס עס האָבן געטראָגן יונגעלייט, — אַ הויך קעפּל מיט אַ ברייטן ראַנד, און דער אַנדערער סאָרט — אַ קעפּל אַ פּיטשינקע, קיילעכדיק, ווי אַ יאַרמעלקע, און דער ראַנד ברייט, ווי אַ פּאַראַסאָלניק; שוואַרצע שנירלעך זיינען געווען דורכגעצויגן דורך דעם קעפּל און דעם ראַנד, כדי אַז דער ראַנד זאָל ניט הענגען איבער די אויגן. ערב תשעה באב האָט מען די שנירלעך אַרויסגעצויגן און דער קאַפּעליוש איז אַראָפּ־געהאַנגען ביז די אַקסלען... נון, פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער גוט־יום־טוב־ביטער האָט געהאַט אַ קאַפּעליוש פון צווייטן סאָרט, און תשעה באב פלעגט ער אָננעמען באַצייטן...

## 7

## זיין יום־טובדיקע זשופּעצע און זיין גאַנצער הולך

ער האָט געהאַט אַ מאָרענע זשופּעצע אין קווייטן, וואָס ער פלעגט זי נוצן מער ניט ווי אום יום־טוב. זי איז געווען זייער אַלט, אָבער גאַנץ. דער בוזעם איז געווען באַלייגט מיט געבלימטע פאַסן און האָט זיך פאַרשפּיליעט מיט זילבערנע האָקן, דאָס אייגענע — די אַרבל. די קעשענעס זיינען געווען אַרומגעניית מיט רימענס, כדי זיי זאָלן זיך ניט רייסן פון די פלאַשן בראנפן, וואָס ער פלעגט אין זיי אַריינשטעקן, בשעת ער פלעגט גוט־יום־טוב־ביטן. דער אונטערשלאַק איז געווען פון באַרכענט*) מיט געלע פאַסן... ווער עס האָט אים געזען אין דער זשופּעצע, האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז זי איז גענייט געוואָרן ניט פאַר זיין סטאַן. זיין ווייב פלעגט זאָגן אַמאָל, אַז ער האָט באַקומען די זשופּעצע בירושה פון איר פאָטער, און אַמאָל פלעגט זי זאָגן, אַז אַ בעזדיעטניק**) האָט עס אים אָפּגעזאָגט, ער זאָל זאָגן קדיש נאָך אים...

...זיין דעליע איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ מעסער אָן אַ שטיל,

*) באַרכענט — סאַמעט.
**) בעזדיעטניק — חשוך בנים, אָן קינדער.

וואָס עס פעלט אין אים דער קלינג: עס איז געווען צעריסן אין איר אי דער אונטער־ אי דער אויבער־שלאַק; זי האָט אין זיך געהאַט אַלרעליי שטיקלעך, ווי אַ חלה־טישטעכל; זי איז געווען געלאַטעט מיט שטיקלעך גראַדיטער, אַטלעס, הויזנצייג, לאַסטיק, דיבעט, קי־טייג, מארע; די טאַשמעס זיינען געווען באַוולנע און רעכט שמו־ציק...

...זיינע שיך זיינען געווען זייער גרויס, אַלט געלאַטעט און ניט געריי̈ניקט פון פראַנצויז אָן. ווען ער וואָלט זיי ניט געוואָרפן עפּטער דער ווייב אין קאָפּ אַריין, וואָס דורך דעם פלעגט זיך די בלאָטע פון זיי אָפּשאָקלען, וואָלטן זיי געווען אַזוי דיק און גראָב, ווי קאַזומס פּאַנ־טאָפּל... געשען פלעגט עס כמעט אַלע פרייטאָג פאַר נאַכט. דאָס איז די בייזע שעה ביי אונדזערע ליגאָווער יידן: די וועשין ברענגט דאַן די וועש; די בעקערס קומען אָפּנעמען פאַר די איבערבייסנס, וואָס מען האָט אָנגענומען אַ גאַנצע וואָך; מען מוז נעמען ליכט אויף שבת; און דאָ טרייבט מען מכות דעם טשאָלנט. אָפּט ברענגט נאָך דער שניידער אָפּ גראַד אין אָט דער צייט אַ בגד; דער באַלעבאָס שרייט, מען זאָל אים געבן וואַסער אויף צוואַג; די באַלעבאָסטע איילט זיך גאָר צו בענטשן ליכט, דען זי דאַרף זיך אַריבערכאַפּן אַהין, וואו די מוטער אירע האָט זיך אַריבערגעכאַפּט, איידער זי איז מיט איר טראָגן געוואָרן... קורץ דערפון — פרייטאָג פאַר נאַכט איז אַ גע־פערלעכע שעה ביי ליגאָווער יידן: ניט איינער צעקריגט זיך, צעשלאָגט זיך דאַן; בפרט נאָך ר׳ שמאַיע און זיין ווייב הענעלע די הויכ־שפּרעכערקע... ביי זיי איז פרייטאָג פאַר נאַכט אין שטוב געווען שטענ־דיק צאַנק און פלוך. ער האָט זי געהאַלטן פאַר גיט קלוג און פלעגט זאָגן, אַז זי האָט ניט אין קאָפּ, וואָס ער האָט אין די פיס. פלעגט ער איר וואַרפן די שיך אין קאָפּ איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז זי פלעגט ווערן קליגער, דען זי פלעגט שוין דערפילן, אַז זי האָט אַ קאָפּ...

נון, מיין טייערע לעזערין, האָסטו שוין זיין יום־טובדיקן גאַנג, איצט — פון זיין גוט־יום־טוב־ביטן אַליין.



8

## זיין גוט־יום־טוב־ביטן

זינט ער איז דורכגעפאַלן דורך דעם סכך און האָט געזאָגט „גוט יום־טוב" דעם עולם, וואָס איז געזעסן אין סוכה, האָט ער באַקומען דעם נאָמען גוט־יום־טוב־ביטער און אויך די נאַטור פון אַ גוט־יום־טוב־ביטער. ער האָט צו קיין שום אַנדער זאַך אין דער וועלט אַזוי ניט געטויגט, ווי צו גוט־יום־טוב־ביטן. יום־טוב אין דער פרי נאָכן דאַוונען פלעגט מען אים זען, ווי ער גייט אין זיין זשופּעצע, שטריימל און דעליע איבער די גאַסן, מאַכט גרויסע שפּרייזן, אין די קעשענעס שטעקן צוויי פלאַשן, וואָס אין זיי פלעגט ער אַריינגיסן די שנאַפּסן, וואָס ער האָט שוין ניט געקאָנט אויסטרינקען. מיט אים פלעגט גיין זיין נייער איידעם (ער פלעגט אויסבייטן זיין איידעם פאַר יעדן יום־טוב אויף אַן אַנדערן). דעם ערשטן הונגער זיינען און זיין איידעמס פלעגן מוזן זעטיקן די באַלעבאַטים, וואָס זייערע קינדער האָבן ביי אים געלערנט; ביי זיי פלעגן, נעבעך, בלייבן ליידיקע פלעשער און ליידיקע טעלער. פון זיי פלעגט ער אַוועק צו זיינע מי שהיו*)־באַלע־באַטים און צו די אַלע, וואָס ער איז געווען א מוהל ביי זייערע קינדער אָדער אַ שדכן, און צו זיינע קרובים. אַ צענטער גליד אפילו איז ניט פאַרגעסן געוואָרן פון אים, דען ער איז געווען זייער אַ הייסער פריינט. אַמאָל האָב איך אים געזען שטייענדיק אין גאַס דעם ערשטן טאָג פסח. ער האָט גערדרייט די טאַשמע און געזאָגט צו זיין איידעם:

— הער צו, נחמן, מיר קאָנען אַריינגיין צו יאָסל דעם שמוקלער, אויך זיין ערשטע ווייב פלעגט זיך האַלטן מיט מיין ווייב קרובים...

דאָס איז געווען אין אַ שיינעם טאָג. אין אַ רעגן פלעגט ער גיין — די פּאָלעס פון דער זשופּעצע פאַרקאַשערט, מיט די פּאַסקעוואַטע באַר־כענט אַרויס, די דעליע אומגעקערט און פאַרדרייט אונטער דעם אָרעם, די געטאָפּלטע לאַנגע פּאַטשיילע, וואָס איז געווען דורכגערוקט דורכן גאַרטל און האָט דערגרייכט ביז דער ערד, איז געווען פאַרשלומפּערט ביז די קני, און ער פלעגט דאַן שוין ניט גיין, נאָר לויפן. קיין שטוב

*) מי שהיו — געוועזענע.

איז פון אים ניט געווען געזיכערט, קיין טיר איז פאַר אים ניט געווען פאַרשלאָסן. ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין דער ערשטער בעסטער באַלעבאַטישער שטוב מיט דעם אויסרייד, אַז ער האָט זיך קוים אַריינגעכאַפּט אַהער איבער דעם רעגן. נון, פלעגט דאָרט אַזוי זיין. האָט אים דער באַלעבאָס גלייך אויף דער שטעל מכבד געווען, האָט ער געמאַכט ברכה און זיך באַלד אָפּגעטראָגן; ווען ניט, פלעגט ער זיך פונאַנדעררײדן מיט דעם יינגל, וואָס דאָרט אין שטוב, פרעגן ביי אים, וואָס ער לערנט און ביי וועמען ער לערנט, פרעגן ביי אים אַ קשיה און לאָזן אים טרעפן דעם תירוץ און באַלד זאָגן צו דער מוטער:

— איר האָט דאָך אַ יינגל גאָר אַ צאַצקע, ער זאָל זיין אין רעכטע הענט, קאָן פון אים אַרויס גאָר אַ רעכטע כלי...

אַ מוטער דאַרף מער ווי דאָס ניט הערן. טרוקן האָט זי אים שוין ניט אַוועקגעלאָזט.

אָט אַזוי האָט ער געמאַכט די רונדע איבערן שטאָט. ער פלעגט צוויי דריי מאָל טראַנספּאָרטירן די פלעשלעך פולערהייט אַהיים און צום סוף פלעגט ער זיך אַליין ברענגען מלא אַהיים.

שבועות פלעגט ער אָפּדאַווגען ותיקין און אָנהייבן צו גיין גוט־יום־טוב־ביטן באַלד נאָך דעם ערשטן מנין. און ווייל שבועות איז דער מנהג מכבד צו זיין מיט פוטערקוכן, מיט בלינצעס, מיט טאָרט און דאָס גלייכן, פלעגט ער באַשטעלן ערב יום־טוב אין יעדער גאַס אַ שטוב, וואו ער פלעגט האָבן זיין מאַגאַזין אויף אָפּצולייגן דאָס געבעק, וואָס ער פלעגט צוזאַמענמאַכן דאָרט אין גאַס.

נאָר אַלע ימים־טובים זיינען געווען גאָרנישט אַנטקעגן שמיני עצרת און שמחת תורה. אין די צוויי טעג איז ער געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. אין דער פרי, באַלד נאָכן דאַווגען, פלעגט ער מאַכן אַ שנאַפּס פון זיין אייגענעם בראַנפן, פלעגט אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס שטריימעלע, די דעליע, דעם גאַרטל און גיין איבערן שטאָט גוט־יום־טוב־ביטן. זיין ווייב העניע פלעגט אים אַלץ נאָכטראָגן. פריער פלעגט ער אַריינפאַלן צו דעם גרעסטן פון די באַלעבאַטים, וואָס זיינע קינדער לערנען ביי אים, מיט אַ גרויסן ליאַרעם און פלעגט הייזעריק־



לעך געבן אַ געשריי: „גוט־יום־טוב!" און אָנהייבן טאַנצן אַרום די ווענט, די הענט אויסגעשטרעקט, זינגענדיק און שרייענדיק:

— גוט יום־טוב, ר' העשעלען און זיינע קינדער, די גאונים און עילויים! גוט יום־טוב צערטעלען, דעם געבענטשטן בויך!

אַזוי פלעגט ער זיך דרייען איבערן שטוב און זיין ווייב העניע פלעגט דערווייל שטיין און ריידן מיט צערטלען, אַז זי איז עס די גרויסע באַלעבאָסטע, און רימען אירע קינדער. צערטל פלעגט זיך שמעלצן הערנדיק און אַרויפשטעלן אויפן טיש פון כל טוב — שנאַפּסן, טייגעכצן, צימעס. דאַן ערשט פלעגט העניע אָנהייבן שרייען:

— שמאַיע, גענוג! מאַך ניט קיין שהיות! דערמאָן זיך, דו דאַרפסט נאָך אַריינגיין אוודאי אין צען ערטער... שמאַיע, דו וועסט זיך אָנמאַכן אַ שנאה היינטיקן יום־טוב, דו הוליעסט דאָ צו פיל!

נון, גיט זיך אונדזער ר' שמאַיע אַ לאָז צום טיש, מאַכט דאָרט לײדיק און לער און לאָזט זיך איבער אַ נייס אַוועק טאַנצן.

און העניע רעדט נאָך אַלץ מיט צערטלען און דערציילט איר די מעלות פון איר חיימקען און איר הערצקען און זאָגט איר, אַז זי זאָל זיי ניט פאַרנאַרן און ניט חתונה מאַכן מיט אַבי וועמען, און לייגט איר פאַר זיי שידוכים מיט מיידלעך יחסנטעס און בריות, וואָס קאָנען מפרנס זיין אַ מאַן. די מוטער פרייט זיך הערנדיק און ענטפערט:

— וואָס דען מיינט איר? מען רעדט מיר שוין עפּעס ניט שאַרפערע שידוכים? נאָר מיין העשל איז דאָך אַ משוגענער: ביי אים קומט אויס, אַז עס איז נאָך צו פרי זיי מאַכן חתונה. ער פאַרגעסט גאָר, אַז ער אַליין איז קוים אַלט געווען עלף יאָר, בשעת ער האָט חתונה געהאַט מיט מיר, און פונדעסטוועגן... אוי, העניע, כ'לעבן, איר עסט גאָרניט... זיצט, נישקשה, עס איז נאָך דער טאָג גרויס.

מען דערלאַנגט צום טיש פיש, קניידלעך פסחדיקע, טאָרט, און העניע הייבט ווידער אָן שרייען צום מאַן:

— גענוג שוין, שמאַיע, פּטר שוין אָפּ! מען מוז דאָך נאָך אַריינגיין צו אליקום שפּיקולאַנט און צו שואל גאָספּאָדאַר... דו וועסט די אויגן ניט קאָנען ווייזן נאָך יום טוב.

אונדזער גוט־יום־טוב־ביטער גיט זיך ווידער אַ שטופּ צום טיש,

ראַמט אויף אַלץ, קוליעט זיך איבער און צעקושט זיך. און זיין ווייב פאַרזאָגט ווידער צערטלעך, זי זאָל ניט פאַרנאַרן אירע עופעלעך. און זיי גייען אַוועק מיט גרויס געזאַנג און גרויס ליאַרעם, ער פריער און זי — דערנאָך, מיט דער דעליע, דעם היטעלע און דעם גאַרטל אויף איין האַנט און צוויי פלאַשן — אין דער אַנדערער האַנט. זי האָט זיי פון אים צוגענומען, ווייל ער פלעגט זיך קוליען, וואָלט ער זיי געוויס צעבראָכן. זי האָט אים געפירט אין די גאַסן ווי אַ בערנטרייבער — אַ בער, זי פלעגט אים אַריינפירן אין פאַרשיידענע הייזער און אומעטום געמאַכט די זעלביקע זאַך נאָך מיט מער פרישקייט. דערנאָך פלעגן זיי זיך ווידער לאָזן איבער די גאַסן, ער פאָרויס און זי נאָך אים מיט קולות און געשרייען:

— שמאַיע, זיי ניט משוגע!

— שמאַיע, מאַכט ניט קיין שהיות!

דערפון איז געבליבן ביי אונדז אין לינאָווע אַ ווערטל: ווען מען זעט, אַז איינער איז זייער באַשעפטיקט, זאָגט מען: ער איז גאָר פאַרשמאַיעט.

## 9

## די נאַכט פון הושענה־רבה

אין דער נאַכט פון הושענה רבה פלעגט מען דערציילן פון אונדזער גוט־יום־טוב־ביטער, אַז מען האָט אים געזען אין כמה ערטער מיט אַ מאָל און אין יעדן אָרט אין אַן אַנדער היטל. איינער האָט דערציילט, אַז ער האָט אים געזען צען מינוט אויף צען, גייענדיק אין מרחץ, אָנגעטאָן אין דער קליאַפּאָווער היטל. אַן אַנדערער האָט דערציילט, אַז ער האָט אים גאָר געזען אין דער צייט אָנגעטאָן אין חצי־שבתל ביי אַ גלעזל מאַרץ ביי דאָבקען אין שענק. אַ יידענע האָט אים ווידער, געזען אין דער זעלביקער צייט שטיין אין קברנישער שול ביי דער קלפּי, אָנגעטאָן גאָר אין אַ קיילעכדיקער היטל, און אַן אַנדערער האָט געשוואָרן, אַז אין דער זעלביקער רגע האָט ער אים געזען אָנגעטאָן אין אַ שטריימל אויף דעם סיום ביי חברה ש״ס.



און דאָ זיינען געקומען מענטשן און דערציילט, אַז ער זאָגט גאָר תהלים אין „שבעה קרואים"...

קינדער האָבן זיך פאַר אים געשראָקן אין דער נאַכט, טראָגעדיקע ווייבער פלעגן זיך אויף אים היטן אַ קוק צו טאָן אין דער נאַכט, דען ער האָט אויסגעזען דעמאָלט שרעקלעך. אַרום צוועלף פלעגט ער שטיין אין מיטן גאַס, אַרום אים פלעגט זיין אַ גרויס רעדל און ער פלעגט זאָגן יעדערן, צי ער וועט אויסלעבן דעם יאָר אָדער ניט, דען ער פלעגט זיך פאַרשטיין אויפן שאָטן. ער פלעגט דערפאַר אַפילו קיין געלט ניט נעמען, נאָר אַ קווערטל ביר איז שוין געווען דערפון פאַרזאָרגט אויף אַ גאַנץ יאָר.

אָפט פלעגט מען אים זען אין דער נאַכט גאָר אויפן בית־עולם אין רבנים־שטיבל מיט אַ יום־כיפור־ליכט. ער פלעגט זיך טובל זיין פאַר דעם און נאָך דעם אין גרויסן וואַסער, וואָס איז דאָרט לעבן בית־עולם.

אויך פלעגט ער לופטערן אין אָט דער שרעקלעכער נאַכט זיינע תכריכים. ער האָט זיי באַקומען פאַר קדיש זאָגן נאָך אַן אַלטן בעזדיעטניק, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין דער עליווע*). מען האָט אים ניט געפונען, זיינען איבערגעבליבן די תכריכים, וואָס ער האָט זיי אָנגעגרייט פאַר זיך. שמאַיע פלעגט זיי פאַרלייען אָפטער אויף דער גרויסער סעודה, וואָס דער גרעבער פאַרשטעלט זיך דאָרטן פאַר אַ טויטן. ער פלעגט קיין ניצגעלט דערפאַר ניט נעמען, ער האָט מער ניט פאַרלאַנגט, מען זאָל אים אויך בעטן צו דער סעודה.

אויך פלעגט ער זיך נעמען צייט אין אָט דעם אָוונט צו מאַכן פאַר זיינע ארץ־ישראל־ערד פּאַפּירענע זעקלעך, וואו עס זיינען אויבן געווען אויפגעשריבן די מקחים...

הכלל — קיינער איז ניט אין שטאַנד צו באַשרייבן די אַרבעט, וואָס דער מענטש האָט אָפּגעטאָן אין אָט דער נאַכט: ער איז איבערגעווען אין אַלע קלויזן — דאָ האָט ער אָפּגעזאָגט משנה תורה, דאָרט — אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים, אין גרויסער שול איז ער געווען צו סליחות, אין קברנישער שול — צו דער גרויסער קלפּי, אין חברה ש״ס —

*) עליווע — וויליע.

אויפן סיום; געווען אין באָד, אויפן פּישמאַרק, אויפן בית־עולם, אין סוכה, וואו ער האָט צוגעגרייט ארץ־ישראל־ערד פאַר די, וואָס ער האָט זיי אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, ווייל ער האָט געזען זייער שאָטן אָן אַ קאָפּ; אין צען מאַרצאָווע שענקען... הכלל — וואו נאָר עס האָט געקאָנט זיין אַ שנאַפּס, דאָרט איז געווען אונדזער גוט־יום־טוב־ביטער.

און ווי ער, אַזוי איז אויך זיין ווייב אין דער דאָזיקער נאַכט געווען זייער מסוגל צו מאַכן פאַר איר מאַן אַ קנעלונג.

וכך היה מנהגה, און אַזוי איז געווען איר שטייגער אין דער דאָזיקער נאַכט:

אַריינקומענדיק אין אַ שטוב (אין דער דאָזיקער נאַכט איז מען אויף אין אַלע הייזער, ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: אין דער נאַכט פון הושענא רבה שלאָפט ניט זשוק און זשאַבע), פלעגט זי אַ זאָג טאָן:

— גוט יום־טוב איַיך, קריינע, איך האָב געטראָפן צו דער רעכ־טער צייט — צו קרעפּלעך... הלוואי איבער אַ יאָר מיט מער געזונט און מיט ווייניקער זינד! איך פלעג צו אייך יענע יאָרן עפּטער אַריינ־גיין, אַצינד איז שוין, ב״ה, דער קאָפּ פאַרדרייט. מען איז גאַנצע טעג פאַרנומען און פרעגט וואָס? אָט ווי איר זעט — ווי עס ווערט טאָג ביז האַלבער נאַכט לאָזט מען ניט אָטעמען: דער אַריין, דער אַרויס. דער פרעגט אַן עצה. דער קומט וועגן אַ שידוך, דער אַן עין הרע אָפּ־שפּרעכן און דער טרעט נישט אָפּ, מען זאָל גיין צו אים אויף אַ שמחה. און, כ׳לעבן, מיר זיינען שוין אַזוינע מענטשן, מיר קאָנען קיינעם ניט אָפּזאָגן. אגב, ווילט זיך טאַקע ניט מאַכן אַ שנאה מיט לייטן... אמת, ווען מיין מאַן לערנט מיט די קינדער, איז ער דעמאָלט אַ תליון, דעמאָלט לאָזט ער צו זיך קיין מענטשן ניט צו. ער שיקט אָפּ צו מיר... זיין האָרעוואַניע האָט גאָר קיין שיעור, און ער איז טאַקע אָן עין הרע, אַ גרויסער בעל פּועל, זיינע תלמידים האָבן, ברוך השם, אַ נאָמען אין שטאָט... נאָר וואָס העלפט עס? אז מיין מאַן וואָלט געווען אַ רעכטער, ניט קיין שלימזלניק, וואָלטן מיר גאָרניט געדאַרפט וויסן פון אָט דעם ביטערן ברויט. פון דער נאַכט פון הושענא רבה אַליין האָבן מיר געקאָנט לעבן. וויפל איז עס ווערט ביי יעדן באַלע־



באָס, אַז מיין מאַן שיקט אים אַריין זיין גמר חתימה אין שטוב אַריין?!...

יע, דאָס בין איך טאַקע געקומען צו אייך — זאָגן אייך מזל טוב! מיין מאַן האָט אייך געשיקט אָנזאָגן, אַז איר און אייער מאַן וועט אויסלעבן דעם יאָר אין נחת, ער האָט געזען אייער שאָטן...

נון, פאַרשטייט זיך, אַז קריינע, דערהערנדיק די גוטע בשורה, דערפרייט זיך, בעט זי זיצן, איז זי מכבד מיט שנאַפּס, מיט טייגלעך און וויל איר שענקען אַ האַלבן רובל. העניע, אָבער, וויל קיין געלט ניט נעמען. זי זאָגט:

— חס ושלום, מיין מאַן האָט מיר פאַרזאָגט. איך זאָל דערפאַר אַ גראָשן ניט נעמען. מער ניט, ער נעמט נאָר אַזעלכע קינדער, וואָס ער ווייס, אַז זיי און זייערע עלטערן וועלן אויסלעבן די יאָרן... ניט פאַר אייך געדאַכט, ער לאָזט דאָך היי־יאָר אַרויס דריי פון זיינע אַלטע תלמידים, וואָרעם ער האָט עפּעס ניט פון זיי היינטיקן יאָר... נו, קריינעלע, איר מעגט זיין צופרידן, אייערע קינדער וועט מיין מאַן נעמען. ער האָט געוואָלט אפילו אַליין היינט צו אייך אַריינגיין, האָב איך אים אָפּגעשלאָגן... דו באָרעסט*) זיך דאָך היינט עפּעס, האָב איך געזאָגט, מיט דעם ניט דאָ דערמאָנענדיק, און קריינע איז מעוברת...

— חס ושלום, — האָט זיך אָנגערופן קריינע, — היינט ביי נאַכט וויל איך גאָרניט: די קינדער וועלן זיך שרעקן. יום־טוב, אם ירצה השם...

און אַז אַ שכנה פלעגט הערן די דאָזיקע רייד, פלעגט איר אויך אָנגעמען אַ חשק, און זי פלעגט בעטן קריינען, אַז זי זאָל בעטן העניען, אַז זי זאָל בעטן ר׳ שמאַיען, אַז ער זאָל אויף איר רחמנות האָבן און נעמען איר ייִנגל אויך. ער איז ביי איר אַ בן יחיד, אַ ציטעריקער, זאָל זי כאָטש וויסן, אַז זי איז זיכער מיט אים היינטיקן יאָר.

קורץ דערפון — העניע איז אַוועק פון דער שטוב מיט דריי תלמידים, מיט אַ גוטן שנאַפּס, מיט פאַרבייסן, מיט דערצו נאָך אַ פערטל גאַנדז רויע און נאָך מיט אַ גרויסן דאַנק. פון דער שטוב — אין אַן אַנדער שטוב, און ביז פאַר טאָג איז שוין די קנעלונג געווען

*) באָרעסט — ראַנגלסט.

פאַרטיק. און ר׳ שמאַיע פלעגט שוין גיין שמיני עצרת גוט־יום־טוב־ביטן צו די נייע באַלעבאַטים.

## 10

## אויף אַ שמחה

אַז ר׳ שמאַיע האָט געשפּירט אַ שמחה, האָט ער יענעם טאָג שוין אַ ביסן אין מויל ניט גענומען, כדי ער זאָל קומען רעכט הונגעריק צום מאָלצייט. אַז דער בעטער פלעגט זיך פאַרזאַמען, פלעגט ער ווערן שטאַרק אומרואיק און עס דייטלעך געבן צו פאַרשטיין די קינדער מיט זיינע שפּיציקע נעגל... האָט ער, אָבער, דערזען דעם בעטער, פלעגט ער ווערן מיט אַ מאָל גוט. ער פלעגט שוין ניט ענדיקן די קללה, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שעלטן אַ ייִנגל, פלעגט שוין ניט אַראָפּלאָזן דעם רימען, וואָס ער האָט אויפגעהויבן צו שלאָגן... ער פלעגט שוין באַלד אָנטאָן דעם קאַמלאָטענעם גאַרטל, די קיילעכדיקע היטל, וואָס איז שוין געווען גאַנץ אויסגעריבן, פלעגט נעמען מיט זיך אַ לעפל מיט אַ גאָפּל און אַ מעסער, וואָס ער האָט אַרונטערגעשטעקט אונטער דעם גאַרטל, און זיך אַוועקגיין באַצייטן אויף דער שמחה זייער פריילעך און זייער געשווינד. עס האָט אים אין וועג קיין זאַך ניט אָפּגעהאַלטן. האָט ער באַגעגנט אַ באַקאַנטן, האָט ער אים נישט באַגריסט; האָט אים איינער געזאָגט: „גוטן אָונט!", האָט ער נישט געענטפערט: „גוט יאָר!" און אַז ער איז שוין געקומען דאָרט אויף דער שמחה, פלעגט ער באַלד מאַכן אַ ליאַרעם, מען זאָל דאַוונען מנחה, און ווייל עס איז נאָך ניט געווען קיין גאַנצער מנין, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין קיך צו שלעפּן דעם סאַרווער און פלעגט אים ניט אָפּלאָזן, ביז יענער פלעגט זיך פון אים ניט אויסדרייען דורך אַ שנאַפּס. ביים טיש פלעגט ער זיך ניט זעצן אויבנאָן אָדער אין מיטן, נאָר ביי דעם ראָג, כדי ער זאָל זיך קאָנען אַלע ווילע איבערזעצן. זיינע שכנים פלעגט ער שטאַרק העלפן די טעלער רייניקן, און וואָס ער האָט שוין ניט געקאָנט אַריינפּאַקן אין זיך, האָט ער עס אַריינטראַנספּאָרטירט אין זיינע קעשענעס. אַמאָל האָט



ער זיך טועה געווען, וואָרעם עס איז געווען זייער ענג, און ער האָט אַלץ אַריינגעפּאַקט אין אַ פרעמדער קעשענע: בולקעס, פיש, קניידלעך, בראָטן... אויף מאָרגן, אַז ער האָט זיך געכאַפּט צו זיין זשופּעצע און נישט געפונען אין איר דעם אוצר, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַלץ געפּאַקט אין דער קעשענע פון זיין שכן. ער איז געקומען צו לויפן צו אים גאָר אָן אָטעם און האָט אים דערציילט זיין טעות. יענער, אָבער, האָט געטראָגן צום טיש אַ געליענע זשופּעצע און האָט זי שוין גאַנץ פרי אָפּגעטראָגן. אונדזער גוט־יום־טוב־ביטער איז אַוועק גלייך צו יענעם, וועמעס זשופּעצע דאָס איז געווען, יענער, אָבער, האָט זי אָפּגעשיקט צום שניידער אַרויסנעמען פון איר מיט אַ הייסן פרעס די פלעקן, וואָס זיינען געוואָרן אין איר ביים טיש צו דער שמחה. אונדזער שמאַיע איז געווען ניט פויל און איז אַוועק צום שניידער. דאָרט האָט ער דערזען אויפן טיש אויסגעלייגט זיינע געפּעקלטע חלקים. דער שניידער איז געזעסן און האָט זיך וואויל געטאָן. און שמאַיע איז אַוועק פון דאָרט מיט גרויס פאַרדראָס...

## 11

## זיין לעצטער גוט־יום־טוב־ביטן

אין יענע צייטן האָט געלעבט אין ליבאָווע אָרטשיק די קלוגע יאַרמעלקע. אָרטשיק האָט געוואונען אַ גרויס געווינס. האָט ער זיך געקויפט אַ הויף און געמאַכט דעם ערשטן טאָג שבועות אַ וואַזשנעם חנוכת־הבית. ער האָט אויסגעשטעלט אין דעם גרעסטן זאַל טישן מיט די שענסטע שפּייזן און טייערסטע געטראַנקען און איינגעלאַדן די חשובסטע לייט פון שטאָט. ר׳ שמאַיען האָט די זאַך זייער פאַרשמעקט און אים האָט זיך פאַרגלוסט ניט אַנדערש זיין ביי אָט דעם אָרטשיקן אויף חנוכת־הבית. דאָך האָט ער ביי זיך אין די געדאַנקען נישט געקאָנט פאַרטיק ווערן, צי עס פּאַסט צו גיין נישט קיין געבעטענער. ער האָט זיך אַזוי אַלץ מיישב געווען, ביז עס איז געבליבן ביי אים, ער זאָל זיך היינטיקן מאָל לאָזן ציילן צווישן די בלי־קודש פון אָרטשיקס קלויז. ער האָט געדאַוונט צו דעם אַנדערן

מנין מיט דעם חזן אין איינעם. דאָס דאַוונען האָט זיך אים אויס־געוויזן ווי אַן אייביקייט. נאָכן דאַוונען האָט ער זיך געבייזערט אויפֿן חזן, וואָס ער האָט אַזוי מאריך געווען, און האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל גיין מיט אים צו אָרטשיקן אויף דעם חנוכת־הבית.

— ביי מיר קומט אויס, — האָט געזאָגט דער חזן, — אַז עס פּאַסט ניט: ער האָט דאָך אונדז נישט געבעטן...

— קענט איר דעם יחסן? — האָט זיך שמאַיע אָפּגערופן צו אים, — ווער בעט עס אַ חזן, אַ שמש, אַ בעל קורא? נישקשה, אויף מיין אחריות, קומט, לאָמיר גיין.

דער חזן האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. ויתפקדו — האָבן זיי זיך אַלע צוזאַמענגעקליבן — דער חזן, דער שמש, דער זאָגערל, דער בעל קורא און ר׳ שמאַיע פּאָרויס — און זיי זיינען אַוועק צו אָרטשיקן.

קיין מענטש איז ניט אין שטאַנד צו באַשרייבן דעם גרויסן פאַרגעניגן, וואָס עס האָט געהאַט ר׳ שמאַיע, ווען ער האָט דערזען די שיינע שפּייזן און געטראַנקען שטייענדיק אויף די טישן אין זאַל. זיין אויג האָט קיין מאָל אַזעלכעס נישט געזען.

אַז אונדזער אָרטשיק האָט באַמערקט די כאַליאַסטרע, איז ער צו זיי אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן מיט אַ פריילעכן פּנים און האָט צו זיי געזאָגט אַזוי:

— אָט דאָס זיינען גוטע פריינד. ניט געוואַרט, מען זאָל אייך בעטן. איר האָט טאַקע געטאָן ווי חכמים. געוויס, מיר זיינען דאָך אַלטע באַקאַנטע, וויל איך טאַקע מיט אייך אַזוי גוט פאַרברענגען. נישט געאיילטערהייט. איז מיין רצון, איר זאָלט דאָ אין פּאָרשטוב זיצן אַ ווײלע און איבערוואַרטן, ביז עס וועלן אַוועק אָט די „פּאָמ־פּעס", און דערנאָך וועלן מיר שוין אַליין זיך אַ ביסל משמח זיין...

דער טאָג אין חודש מאַי קאָן ניט זיין שענער אויסגעלייטערט, ווי עס איז געווען דאָס געזיכט פון ר׳ שמאַיען, ווען ער האָט דער־הערט אַזוינע רייד פון אָרטשיקן.

זיי זיינען געבליבן זיצן אין פּאָרשטוב און זייערע אויגן האָבן געקוקט אַהין, אין זאַל אַריין. פלעגט אַ גאַסט אַוועקגיין, פלעגט



שמאַיען ווערן גרינגער אויפֿן האַרצן; האָט ער, פאַרקערט, געזען איינעם אַריינגייענדיק, איז ער געווען פול מיט גרימצאָרן און האָט אים געוואָלט שטעכן. אַזוי זיינען זיי, נעבעך, אָפּגעזעסן פון עלף ביז האַלב איינס ניכטערערהייט.

אַרום איינס איז אַרויס אָרטשיק און האָט צו זיי געזאָגט:

— נו, איצט בין איך שוין אייערער. אייך, ווי אמתע גוטע פריינד, מוז איך ווייזן פריער, מיט וואָס דער באַשעפער האָט מיך באַגליקט. איך וועל אייך ווייזן מיין הויז, אַלע צימערן. זאָלן גוטע פריינד נחת האָבן.

און ער האָט זיי אַרויסגעפירט אויפֿן הויף.

אונדזער גוט־יום־טוב־ביטער איז געוואָרן בלאַס ווי אַ טוך. אַ טויטער קאָן נישט ערגער אויסזען.

אָרטשיק האָט זיי געוויזן אַלע שפּייכלערס, אַלע סקלאַדן. ער האָט זיי געזאָגט די הכנסה פון יעדער זאַך. דערנאָך האָט ער זיי אַריינגעפירט אין די אויבערשטע צימערן.

— מיינע הייזער, וואו איך וואוין, — האָט ער צו זיי געזאָגט — האָט איר שוין געזען. איצט וועל איך אייך ווייזן מיינע בוידעמער. איר וועט זען, ווי זיי זיינען דאָס געדעקט מיט בלעך.

און ער האָט זיי געשלעפּט אויף די בוידעמער.

אָרטשיק איז געווען אַ נידעריקער, איז ער געגאַנגען גלייך. אונדזער גוט־יום־טוב־ביטער מיט דער כאַליאַסטרע האָבן זיך, אָבער, געמוזט בייגן אין פינפן. אָרטשיק האָט זיי דאָרט אָפּגעהאַלטן אַ גוטע שטונדע. ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, מיט וואָס פאַר אַן איינפאַלן ער וועט דאָ מאַכן אַ סוכה. אויך האָט ער זיי דערציילט, מיט וואָס פאַר אַ חכמות ער האָט געקויפט דעם הויף.

און די אַלע פינף זיינען, נעבעך, געשטאַנען פאַרשמאַכטע, פאַר־טריקנטע, איינגעבויגענערהייט. זיי האָבן שוין גאָרנישט ניט געהערט און גאָרנישט ניט געזען. דאַן האָט זיך שמאַיע שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך אָפּגערופן:

— כ׳לעבן, ר׳ אָרטשיק, איר ווייסט, עס איז שוין גאָר ניט פרי. אונדזערע וואַרמעסן וועלן שוין טויגן באַלד אַרויסצוגיסן.

אָרטשיק האָט אַרויסגעכאַפּט דעם זייגערל און אַ געשריי געטאָן:

— יע, עס איז שוין האַלב דריי, — זאָל עס אַריין אין טיפן ים, וואָס אייערע ווייבער וועלן מיר ווינטשן! נו, וועל איך אייך פאַרשפאָרן וועג. איר וועט דאָ טאַקע גלייך אַראָפּגיין.

און ער האָט זיי אויפגעעפנט אַ טירל אין גאַס אַריין....

דאָס איז געווען דער ערשטער מאָל, ווען שמאַיע איז אין אַ יום־טוב פאַרשמאַכט געווען ביז דריי אַ זייגער.

שמאַיע האָט עס ניט אויסגעהאַלטן, ער איז קראַנק געוואָרן. פון דאַן אָן פלעגט מען אים זען נאָר זיצנדיק אויפן שולהויף מיט אַ פאַטשיילקע און בעטנדיק נדבות...

# יעקעלע גאָלדשלעגער

טייערער לעזער, איך וועל דיר דערציילן אַ שיינע געשיכטע, וואָס איך האָב אַליין געזען, ווען איך בין געווען אין לאַנד סוריאָ*). נאָר דו זאָלסט ניט מיינען, אַז דאָס איז אַזאַ מעשה, ווי די יינגלעך דערציילן ווינטער אין חדר, איידער דער רבי קומט פון מעריב. ניין. דאָס איז אַן אמתע מעשה. דו קענסט פון דער מעשה לערנען, ווי דו זאָלסט זיך פירן.

*) סוריאָ — רוסיא, רוסלאַנד.

LIT 5507 / Roskies

# הקדמת מנדלי מוכר־ספרים

## בשעת זײַן אַרויספֿאָר אין דער וועלט

## מיט אייגענע צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקטע מעשיות*

1 ׳מה שְמֶכֶם?׳ — דאָס איז די ערשטע שאלה, וואָס אַ ייִד פֿרעגט דעם אַנדערן גאָר אַ ווילד פֿרעמדן, באַלד ווי[1] ער באַגעגנט זיך מיט אים און שטעקט אים אָפּ אַ ׳שלום־עליכם׳! קיינעם קומט בשעת־מעשׂה אויף דעם געדאַנק[2] גאָר ניט אַרויף, אַז מען זאָל זיך אַקענען[3] דעם אָנרופֿן, אַ שטייגער: ׳וואָס איז אײַך, רב קרובֿ, אַזוי דאָ געלעגן צו וויסן, ווי איך הייס? מיר ווילן דען אײנער מיט דעם אַנדערן זיך משדך זײַן? איך הייס, ווי מען האָט מיר אַ נאָמען געגעבן, און לאָזט מיך געמאַך!׳ ניין, אַדרבא, די שאלה ׳מַה שְמֶכֶם?׳ איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, עס ליגט אַזוי אין דער טבֿע, אַקוראַט ווי אַ טאָפּ צו טאָן יענעמס נײַע קאַפּאָטע מיט אַ פֿרעג: מה־יקר? וואָס קאָסט אַן אַרשין? ווי צו נעמען אומגעבעטן אַ פּאַפּיראָס בשעת יענער עפֿנט זײַן טאַבאַק־פּושקעלע אויף[4]; ווי

* דער טעקסט פֿון ׳הקדמת מענדלע מוכר־ספֿרים׳ איז דאָ איבערגעדרוקט — אין אַ נײַעם אויסלייג — לויט ערשטן בוך פֿון ׳אַלע כּתבֿים פֿון מענדלע מוכר־ספֿרים׳, יובֿילײ־אויסגאַבע, אָדעס, תרס״ז—1907, I—IV, און לויט מענדלעס אייגענעם כּתבֿ־יָד, וואָס געפֿינט זיך, צוזאַמען מיט אַ בריוו פֿון אויגוסט 1906 צו י״ח ראַווניצקין, אין ראַווניצקי־אַרכיוו בײַ דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים. דער סימן: 1185 4, טעקע נ׳ 189. זע: חליפת איגרות בין ש״י אברמוביץ ובין ח״נ ביאליק וי״ח רבניצקי, בשנים 1905—1908, מהדורת חנא שמערוק, ירושלים, תשל״ו, ז׳ 60, באמ׳ 1, 2. דער ערשטער נוסח פֿון ׳הקדמת מענדלע׳ איז פּאַקטיש דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון דעם צווייטן, ׳גאָר אין גאַנצן אויף דאָס נײַ איבערגעמאַכטן׳ נוסח פֿון ׳דאָס קליינע מענטשעלע׳, ווילנע, 1879. דער מחבר האָט, ווי זײַן שטייגער איז געווען, אַרײַנגעבראַכט אַ גאַנצע רײ שינויים און תּיקונים. די פֿראַגמענטן, וואָס געפֿינען זיך ניט אינעם ערשטן נוסח (1879), שטעל איך אין קלאַמערן. די טעקסטועלע און לעקסיקאַלישע ענדערונגען וועלן באַצייכנט ווערן אין הערות כּסדר, וועלכע וועלן דינען צו פֿאַרשרײַבן געגנוי דעם ערשטן נוסח. [שלום לוריא]

1 ווי באַלד.

2 קיינעם גייט בשעת־מעשׂה גאָר אויף דער מחשבֿה נישט אַרויף.

3 אַז מען זאָל זיך קענען אָנרופֿן.

4 ווי צו בעטן אַ פּאַפּיראָס בשעת יענער עפֿנט אויף זײַן טײַסטערל מיט טיטון.



1

ים ה׳ ג טיחשרי ה׳ד׳ג הוספה להמליץ שנה שלישית 11/23 אקטאבער 1862

# קול מְבַשֵּׂר

№ 1.

## דאס קליינע מענשעלע.

ערער

איין לעבענסבעשרייבונג פון יצחק אברהם תקיף.

## דאס קליינע מענשעלע.

1864, עמ׳ 684-686

אַרײַנצושטעקן די פֿינגער אין יענעמס טאַבאַקערקעלע און נעמען אַ שמעק טאַבאַקע; ווי אַרײַנצוקריכן מיט אַ פֿוס צו יענעם אין ביטל[5], אײַנטונקען דאָרט דאָס פֿאַר־שמאָלצעוועטע פֿאַטשיילכן און רײַבן דערמיט דאָס לײַב; [ווי אַרײַנצוקוקן הינטער־אַרום צו יענעם אין מחזור און כאַפּן זיך, פֿון דרך־ארץ וועגן, איבערמישן אַ בלעטל בשעת יענער האָט נאָך נישט רעכט צעקײַט דאָרט די ווערטער פֿון דער תּפֿילה,] ווי לאָזן זיך צוגיין[6] ווו צוויי מענטשן שמועסן צווישן זיך, צולייגן אַן אויער אונטער־צוהערן זיך צו זייער שמועס; אָדער ווי אַ פֿרעג צו טאָן איינעם פּלוצלים פֿון דער העלער הויט מכּוח זײַנע געשעפֿטן, אָנוואַרפֿן זיך אויף אים מיט עצות, הגם יענער גענייטיקט זיך אין זיי כּלל נישט[7], און קען אָן זיי, [ווי אויך אָן אים,] זיך [זייער גוט] באַגיין. אַזעלכע און בדומה[8] נאָך אַזעלכע זאַכן זײַנען [בײַ אונדז, ייִדן,] גאַנץ געוויינטלעך. אַזוי איז דער סדר־העולם פֿון אייביקע צײַטן און אָנצורופֿן זיך אַקעגן דעם וואָלט אויסגעקומען גאָר טאַקע[9] ריין משוגע, **עפּעס משונה ווילד, גאָר שלא כּדרך הטבֿע**... און נישט נאָר אויף דער וועלט, אויך דאָרט אַפֿילו אויף יענער וועלט איז דעם מלאך־הדומהס ערשטע שאלה: 'מה שמכם, רב קרובֿ?' דער מלאך, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט יעקבֿ אָבֿינו, ער אַפֿילו האָט נישט משנה געווען פֿונעם סדר־העולם און אים באַלד טאַקע [,ווי עס פֿירט זיך,] אַ פֿרעג געטאָן, ווי ער הייסט. אַז אַ מלאך איז אַזוי, הײַנט אַ פּשיטא שוין אַ [זינדיקער] מענטש, אַ בשׂר־ודם. איך ווייס זייער גוט, אַז בײַ מײַן ערשטן אַרויספֿאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור, [ווי הייסט מען עס,] מיט מײַנע מעשׂיות, וועט געוויס דעם עולמס ערשטע שאלה זײַן: 'מה שמכם, פֿעטער?'

2 מענדעלע הייס איך! אַזוי, רבותי, האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן, נאָך מײַנעם אַן עלטער־זיידן פֿון דער מאַמעס צד, רב מענדעלע מאָסקווער, זכורנו לבֿרכה. מאָסקווער האָט ער אין זײַנע צײַטן געהייסן דעריבער, ווײַל מען האָט געשמועסט, איז ער אַ מאָל געווען אַזש אין מאָסקווע, אײַנצוהאַנדלען דאָרט רוסישע סחורה [און האָט בשלום גיך־געשווינד זיך אַרויסגערוקט, שאַ־קיטש, אידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט אַרויסצוטראָגן אים פֿון דאָרט. מילא, דאָס בין איך ניט אויסן. נאַרישקייטן!... אָבער אין מאָסקווע, בײַם פֿאָניע, איז ער, הייסט עס, טאַקע געווען.] דאָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט

5 ווי אַרײַנצוקריכן מיט אַ פֿוס אין יענעמס ביטל (ביטל מיינט אַ וואַנע).
6 ווי צוצוגיין ווו צוויי מענטשן שמועסן צווישן זיך.
7 כאָטש יענער האָט גאָר אין זיי כּלל זיך נישט גענייטיקט.
8 וכדומה.
9 וואָלט אויסגעקומען עפּעס טאַקע ריין משוגע.



אין זײַן ווינקל אַ נאָמען און כּבֿוד. אַלע האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַ געניטן, וועלטלעכן מענטשן, [וואָס איז אויסגעווען אַ וועלט,] און בשעת עפּעס אַ נויט, אָדער בײַם אָנשרײַבן אַ 'פּראָשעניע', פֿלעגט מען זיך מיט אים מיישבֿ זײַן[10]... נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

3 דערמיט [אַלײַן אָבער] איז מען נאָך נישט יוצא. נאָך דער דאָזיקער ערשטער שאלה הייבן בײַ ייִדן זיך ערשט אָן צו שיטן אַלערליי [מיני] שאלות, ווי אַ שטייגער: פֿון וואַנען איז עס אַ ייִד? זײַט איר אַ באַווײַבטער? האָט [אַ ייִד] קינדער? מיט וואָס האַנדלט עפּעס [אַ ייִד]? ווּהין, האַ, פֿאָרט עס [אַ ייִד][11]? נאָך און נאָך[12] אַזעלכע מיני שאלות, וואָס אַזוי איז שוין אָנגענומען געוואָרן בכּל־תּפֿוצות־ישׂראל זיי צו פֿרעגן, אויב מען וויל אַ פּנים האָבן פֿאַר לײַט, [דערמיט ווײַזן,] אַז מען איז [,ברוך־השם,] אַ מענטש, אַן אויסגעריבענער[13], נישט קיין באַנק קוועטשער, און וואָס מען מח על־פּי מענטשלעכקייט דערויף ענטפֿערן, אַזוי ווי אַ 'גוט־יאָר!' אויף איינעמס 'אַ גוט־שבת!', אָדער 'גוט־יום־טובֿ!' איך וויל מיט אַ וועלט נישט אײַנרײַסן און בין בערײַט אויף די דאָזיקע אַלע שאלות אויך צו ענטפֿערן קורץ און גיך, ווי נאָר מעגלעך.

4 אַלײַן בין איך אַ געבוירטיקער פֿון **צבֿוטשיץ**, אַ היפּש[14] שטעטל, [אָן עין־הרע,] אין טעטעריוקער גובערניע, [באַרימט מיט איר גוטסקייט און **פֿרומקייט**, ווי **גלופּסק**, אַ שטייגער, מיט איר חכמה, **קאַבצאַנסק** מיט אירע **עשירות** און **טונעיאַדעווקע** מיט אירע **פֿאַבריקעס** — שיינע מקומות מיט מעלות אַזעלכע, ברוך־השם, וואָס האָבן **געווירקט און ווירקן אויף דעם ייִדישן צושטאַנד** אין אונדזער ווינקל דאָ אין גלות...][15] נישט דאָס בין איך אויסן.

5 אין מײַן פּאַספּאָרט [שטייען אַפֿילו בפֿירוש מײַנע יאָרן,][16] נאָר אין אמת[17] וויפֿל איך בין אַלט, קען איך [,ווי געוויינטלעך אַ ייִד,] באַשטימט אײַך ניט זאָגן. מײַנע

10 און מען פֿלעגט בשעת עפּעס אַ נויט און בײַ אַ פּראָשעניע־אָנשרײַבן מיט אים פֿריִער זיך מיישבֿ זײַן.
11 האָט איר קינדער? מיט וואָס איז אײַער האַנדל? און ווּהין פֿאָרט איר?
12 וכדומה נאָך און נאָך אַזעלכע מיני שאלות.
13 אַן אויסגעריבענער מענטש.
14 אַ קליין שטעטל.
15 באַרימט מיט אירע גוטע בהמות און נאָך מער מיט דעם צבֿיעטשער, להבֿדיל, וואָס מיט אים קלינגט די וועלט.
16 אין מײַן פּאַספּאָרט שטיי איך אַלט 52 יאָר.
17 נאָר באַשטימט וויפֿל איך בין אַלט קען איך אײַך נישט זאָגן.

[עלטערן][18], עליהם השלום, זײַנען שטאַרק מחולק געווען אין דער רעכענונג פֿון מײַנע יאָרן. נאָך זיי בײדע בין איך געבוירן געוואָרן צום ערשטן ליכטל בשעת דער גרויסער שׂרפֿה פֿון די קלייטן [„נישט הײַנט געדאַכט]. נאָר נאָכן טאַטנס חשבון איז דאָס געווען בשעת די גרויסע קרירות זײַנען פֿאַרשלעפּט געוואָרן אין אונדזער ווינקל, פּונקט אין דער צײַט, ווען דער אַלטער, זכרונו לבֿרכה, איז נסתלק געוואָרן. און די מאַמע פֿלעגט אויסווײַזן, אַז דאָס איז גאָר געווען מיט אַ יאָר צוויי נאָך דער ערשטער בהלה, נישט פֿאַר ייִדישע קינדער געדאַכט[19]. אַ סימן אַפֿילו, דענסטמאָל האָט זיך בײַ אונדז געקעלבט די רויטע קו, און זאת־חנוכּה האָט זי פֿאַר אַ האַלב שטעטל געמאַכט מילכיקע וואַרעניקעס, פֿון וועלכע מען האָט געלעקט די פֿינגער[20] און ליגן בײַ אַ טייל אַלטע ייִדן ביז הײַנט נאָך אין טעם. [מען באַדאַרף האָבן צײַט און זײַן אַזאַ בריה גרונטעווען זיך אין אַזוינע מיני חשבונות, ווי טונעיאַדעווקער ייִדן, בעלי־מוחות...] נישט דאָס בין איך אויסן.[21]

6 די ׳פּרימעטעס׳ [„סימנים] מײַנע, אין מײַן פּאַספּאָרט, זײַנען אַזוי: די וווּקס — אַ מיטעלע; האָר — ברעמען—גרוי; אויגן — קאַרע; די נאָז, דאָס[22] מויל — מיטל־מעסיק; די[23] באָרד — אַ גרויע, דאָס פּנים — אַ ריינס; ׳אָסאָביע פּרימעטי׳ [׳באַזונדערע סימנים׳] — נישטאָ. דאָס הייסט אין גאַנצן פּראָסט גאָרנישט, אַ מענטש ווי געוויינטלעך דאָס רובֿ מענטשן, נישט קיין בהמה[24], חלילה. אײַ איז דאָך די קשיא[25], גלאַט אַ פּאַספּאָרט גאָר אָן סימנים[26] וואָלט דאָך אויך דאָס אייגענע באַוויזן, אַז מען איז אַ מענטש! וואָרעם ווו האָבן דען בהמות פּאַספּאָרטן? דער תּירוץ איז אָבער, אַז קשיות פֿרעגן איז קיין שׂכל ניט. הערסטו, דער גאַנצער שׂכל איז דאָך טאַקע, אָט נאַט אײַך ׳פּרימעטעס׳ און ווייסט פֿאָרט נישט, וואָס פֿאַר אַ פּנים איך האָב... און באמת טאַקע, לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס וועט אײַך אַרויסקומען, אַז איר וועט שוין וויסן, אַ שטייגער, אַז מײַן שטערן איז אַ הויכער מיט אַ סך קנייטשן; אַז מײַנע נאָזלעכער זײַנען זייער גרויסע און עפּעס משונה; [אַז מײַן פּנים נאָכן אָנבליק זעט אויס עפּעס ווי

18 מײַן טאַטע מיט דער מאַמען, עליהם השלום.
19 נישט הײַנט געדאַכט.
20 וואָס מען האָט פֿון זיי געלעקט די פֿינגער און ליגן בײַ אַ טייל אַלטע ייִדן נאָך אי הײַנט אין טעם.
21 נישט דאָס אָבער בין איך אויסן.
22 דער מויל.
23 אַ באָרד.
24 נישט קיין קאָטער, קיין בהמה, חלילה.
25 אײַ די קשיא איז.
26 אָן פּרימעטעס.



בייזלעך;] אַז איך קוק [„באַטראַכט,] מאַך איך קורצזיכטיק אַ ביסל צו מײַנע קליינע אויגן[27]; און אַז איך פֿאַרצי די ליפּן, [דאַכט זיך, עס שוועבט אויף זיי אַ מילד־שטעכנדיק שמייכל; נאַרישקייטן, כ׳לעבן!][28] מײַן ווײַב אַפֿילו האָט פֿאַר דער חתונה אונדזערער זיך ניט אינטערעסירט מיט אַזעלכע קלייניקייטן[29]. [זי האָט מיך גענומען ווי אַ בלינדן אתרוג, נישט אָנקוקנדיק פֿריִער מײַן פּנים, און — נישקשה!]...[30] מילא, ווייסט איר דאָך שוין[31], רבותי, אַז איך בין אַ באַווײַבטער, און פֿון קינדערלעך האָט מען גאָרנישט וואָס צו ריידן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב, אָן עין־הרע, טאַקע פֿיל[32]. [וואָס דען האָט אַ ייִד?... נישט דאָס בין איך אויסן.]

7 האַנדלען האַנדל איך, [„ווי איר קוקט מיר אָן,] מיט ספֿרים[33]. איך האָב איבער־געהאַט אין מײַן לעבן אַ סך מיני פּרנסות[34], מיך געוואָרפֿן, ווי דער שטייגער איז[35], אויף אַלע זײַטן, [ביז איך האָב לסוף אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט — אַ, אַ, אין דר׳ערד אַרײַן די אַלע פּרנסות! און מיך גענומען צו די ספֿרים, און דערבײַ טאַקע בין איך ביז הײַנט געבליבן.][36]

27 מאַך איך דערבײַ צו אַ ביסל די אויגן ווי אַ קורצזיכטיקער.
28 זעט עפּעס אויס ווי איך שמייכל מיט אַ שטעכנדיק געלעכטערל.
29 גלייבט מיר, מײַן ווײַב אַפֿילו פֿאַר אונדזער חתונה האָבן אַזעלכע קלייניקייטן אויך כּלל נישט אינטערעסירט.
30 מען האָט איר געזאָגט: מזל־טובֿ, כּלה, דו האָסט אַ חתן! און גענוג. וועמענס עסק דען איז דאָס יענעמס אַ נאָז, יענעמס אַ פּנים? וואָס מאַכט עס אויס און וועמען גייט עס אָן?
31 מילא, ווייסט איר דאָך, אַגבֿ, שוין, רבותי.
32 קינדער, פֿאַרשטייט זיך דאָך ממילא, אַז איך האָב, און אָן עין־הרע נאָך פֿיל, וואָרעם, ווו האָט איר אַ באַווײַבטן ייִדן, ער זאָל נישט האָבן לכל־הפּחות אַ האַלבן טוץ קינדערלעך? בפֿרט נאָך אַן אָרעמאַן.
33 האַנדלען האַנדל איך מיט רומל, דאָס הייסט מיט חומשים, מחזורים, סידורים, סליחות, תּחינות וכדומה אַזעלכע מיני ספֿרים. דערבײַ געפֿינט זיך בײַ מיר אַלערליי מעשׂיות — און אַ ביסל פֿון הײַנטיקע מיני ביכלעך.
34 — — אַ סך מיני פּרנסות: באַלד בײַם אַראָפּגיין פֿון קעסט בין איך געוואָרן אַ חלפֿן, דערנאָך אַ בשׂמים־קרעמערל, אַ שענקער, אַ מוכר־תּבֿואניק, אַ מעקלער און אַ מלמד.
35 ווי דער שטייגער איז פֿון ייִדן.
36 און בין געווען, לא־עליכם, אַ גרויסער אביון. ווי זאָגט מען עפּעס, אַ סך מלאָכות און ווייניק ברכות. ביז לסוף האָב איך מיך גענומען צו ספֿרים און בין דערפֿון שוין אַ צײַט מיט יאָרן, ברוך־השם, זייער שיין זיך מפֿרנס.

8 [הייסט דאָך עס, אַ פּנים, קען מען מיינען, אַז ספרים איז גאָר דער ווילער מסחר. איך ווער רײַך! און אויף דעם סמך וועלן ייִדן — וואָס לעכצנדיק נעבעך נאָך פּרנסה, טוען זיי נאָך איינער דעם אַנדערן — זיך ווי די היישעריקן אַ וואָרף טאָן אויף די ספרים. שווער איך אײַך, ייִדישע קינדער, אַז איך בין אַ ייִד, אַן אביון! פֿון רומל אַלײַן, דאָס הייסט אין אונדזער מסחר:] חומשים, סידורים, מחזורים, סליחות, קינות, תּחינות, בענטשערלעך וכדומה — [וואָלט מען, ווי מען זאָגט, קיין וואַסער אויף קאַשע נישט געהאַט.] מוז איך מיטפֿירן[37] מיט מיר בערשעטער טלית־קטנס, [דובראָוונער] טליתים, כּפֿול־שמונהדיקע ציציות, רצועות, שופֿרות, הייעלעך, מזוזהלעך, וואָלפֿצײַנדלעך [,מײַערקעפּלעך], קינדערשע בליטשקענע שיכלעך, יאַרמלקעלעך און אַ מאָל מעש־ און קופּערוואַרג. ווי אַזוי[38] מעש־ און קופּערוואַרג קומט צו ספֿרים, ווייס איך אַלײַן נישט. נאָר אָט אַזוי איז שוין בײַ אונדז אײַנגעפֿירט[39], פּונקט ווי אַ ייִדישער מחבר מוז אַ מאָל זײַן אויך אַ שטיקל שדכן[40], אַ פּוילישער שמשׂ אין אַ קלײַזל, מוז האַלטן דאָרט[41] אַ קליין שענקל, ווי אַ קהלס־מאַן[42] מוז אַ מאָל אויף אַ שׂימחה בײַ די פֿײַנע־בריות קאָכן פֿיש און זײַן אַ סאַרווער, [ווי אַ רבֿ אין אַ שטעטל מוז ציִען זײַן פּרנסה פֿון הייון. און נאָך די אַלע זאַכן, שווער איך אײַך, האָב איך ניט מײַנס קיין גראָשן.][43]

9 [אַ נס, וואָס צו אַזאַ מיסחר מיט ספֿרים ווי מײַנער ברויכט מען נישט דינגען אַ מאַגאַזין מיט דער פֿאָרסע. געננג דערצו אַבי־אָט אַ וועגל, אַבי־אָט אַ פֿערדל. איז דאָס פֿערדל אַלט אָפּגעבאַרעט, הינקט אַ ביסל צו און קוים וואָס עס פּלאָנטעט מיט די פֿיס, מהיכא־תּיתי, איז אויך נישקשה. יאָגן זיך, פֿאָרן פֿאָטשט באַדאַרף מען ניט. אָט פֿאַקט מען אָן דאָס וועגל, איבערגעדעקט כּלומרשט אַ בײַדעלע, און מע שלעפּט זיך

37 חוץ רומל פֿיר איך נאָך מיט מיר בערשעטער טליתים.

38 ווי אַרום.

39 אַזוי איז שוין בײַ אונדז אײַנגעפֿירט מכּמה וכּמה שנים.

40 מוז אַ מאָל אויך זײַן אי אַ שדכן.

41 מוז דערבײַ דאָרט האַלטן אַ קליין שענקל.

42 ווי אַ סבאָרשטשיק.

43 ווי עפּעס אַ כּלי־קודש מוז דאָס רובֿ זיך אָפּגעבן מיט פּליאָטקעס, פֿאַרקאָכן אַ מאָל אַ קאַשע, און ווי אַ ליאַדע גבֿירל מוז האָבן חלק אין דער טאַקסע... נישט דאָס בין איך אויסן. יאָרנלאַנג בין איך אונטער־וועגנס. איך פֿאָר אַרום אין גאַנץ פּוילן און בין דאָרט פֿול אין אַלע שטעט און שטעטלעך. מען קען מיך, ברוך־השם, אומעטום ווי אַ בייזן שילינגער. איר וועט מיך דאָרט טרעפֿן שטייענדיק מיט מײַן בײַדל דאָס רובֿ לעבן בית־מדרש.



געזונטערהייט. אַ גלעקל זאָל קלינגען איז איבעריק, מען איז יוצא מיט אַ סקרײַפּ פֿון די רעדער. אײַנשטיין אויף אַכסניות אין באַזונדערע נומערן פֿאַר זיך מיט דער פֿאָמפּע באַדאַרף מען אויך נישט, פֿאַרפֿאָרט גלײַך צום בית־מדרש. דאָס וועגעלע בלײַבט אויפֿן שול־הויף.] דאָס אויסגעשפּאַנטע פֿערדל שטייט זיך, עסט 'סיטשקע', אויב עס האָט נאָר, פֿון אַ לאַנטעך, אויסגעשפּרייט צווישן די אויפֿגעשטעלטע אין דער הויך האַלאָבליעס. אײַ וואָס, ייִנגלעך פֿאַרגנבֿנען זיך און רײַסן אים פֿונעם עק סטרונעס שטילערהייט?[44] [איז אויך נישט קיין אומגליק. לאָז זיך דאַכטן, גאָר אָן אַ ווײדל, מיט דער מאָדע. אײַ וואָס, אַ צער־בעלי־חיים? אדרבה!] מײַן שלימזל שטייט זיך גאַנץ רויִק, עס זאָל דאָס אים אָנהויבן צו אַרן. ער לאָזט אַ מאָל דערבײַ אַראָפּהענגען די אונטערשטע ליפּ, [אַרויסשטעקנדיק אַ שפּיץ צינגל,] און עס דאַכט זיך גאָר, ער לאַכט מיט די ציין[45], גאָר ווי להבֿדיל אַ מענטש. מאַכט זיך אַ מאָל[46], ער האָט נישט וואָס צו עסן, שטייט ער זיך פֿאַרטראַכט מיט אויפֿגעשטעלטע אויערן, קוקנדיק אין בײַדל[47] אויף די ספֿרים עפּעס אַזוי, אַז מען וואָלט געמעגט שווערן, ער פֿאַרשטייט דערינען זייער גוט מיט זײַן פֿערדישן מוח און נעמט עס אויף זײַנע כּלים עפּעס גאָר ווי אַ טרייפֿענער למדן[48] טאַקע... נישט דאָס בין איך אויסן.

10 [מילא איז פֿאַרזאָרגט, ברוך־השם, אויפֿן שול־הויף דאָס פֿערדל, און אַלײַן נעמט מען זיך אַ פּלאַץ אין בית־מדרש. בײַ טאָג צעלייגט מען זיך דאָרט פֿאַרן עולם מיט ספֿרים אויפֿן לאַנגן, פֿאַרשמאָלצעוועטן טיש, וואָס בײַם אַרײַנגאַנג לעבן אויוון, און בײַ נאַכט צעלייגט מען זיך אַליין אויף אַ באַנק דאָרט, ווי בײַם טאַטן אין ווײַנהויז, און מע שלאָפֿט אויף וואָס די וועלט שטייט. און דאָס דאָזיקע גאַנצע שטיקל עולם־הזה, אַרום און אַרום, האָט איר עס אומזיסט בכּבֿוד־גדול!...

11 אם כּן, אויב יאָ אַזוי, אויב שלעפּעניש, אַרומוואָגלעניש און קבצניש, איז דאָך די קשיא, וועלכעס זשע גוט יאָר האָט מיך געטראָגן צו ספֿרים? און וואָס האַלט איך מיר

44 מײַן פֿערדל שטייט אויסגעדרייט מיט דעם פּנים צום וואָגן און עסט, אויב ער האָט נאָר, סיטשקע פֿון אַן אויסגעשפּרייטן לאַנטעך, וואָס איז צוגעבונדן פֿון איין זײַט צו די קאָזלעס און פֿון דער אַנדערער זײַט צו בײַדע אין דער הויך אויפֿגעשטעלטע האַלאָבליעס. ייִדישע קינדער פֿאַרגנבֿענען זיך שטילערהייט און רײַסן געשמאַק סטרונעס פֿון זײַן עק, נעבעך, און ער, שלימזל, שטייט זיך גאַנץ רויִק — —.

45 און עס דאַכט זיך גאָר דענסטמאָל, ער לאַכט עפּעס מיט די ציין.

46 אַז מאַכט זיך אַ מאָל.

47 און קוקט אין בײַדל אויף די ספֿרים.

48 און נעמט עס אויף זײַנע כּלים אפֿשר נאָך פֿיל בעסער ווי אַן אַנדער בעלפֿער, מחילה.

# דָאס קְלֵיינֶע מֶענְשֶׁעלֶע

אדער

## אַ לֶעבֶּענְסְבֶּעשְׁרַייבּוּנְג

פון

יצחק אברהם תקיף.

(נאר אין גאנצען אויף דאס נייא איבערגעמאכט).

געדרוקט בהשתדלות

מענדעלי מוכר ספרים

## ווילנא

כדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם

שנה תרל״ט לפ״ק

ДОСЪ КЛЕЙНЕ МЕНШЕЛЕ

т. е.

Маленькій человѣчекъ

Сочиненіе Ш. Я Абрамовича.

ВИЛЬНА,

Тинографія Вдовы и бр. Роммъ.

Жмудскій переулокъ дома №№ 327 и 328.

1879.

טיטלבלאט פון דער אויסגאבע אין יאָר 1879



עד־היום אין אַזאַ מין סחורה? ס׳איז מיר אַפילו שווערלעך דערויף צו ענטפֿערן, נאָר אֵין־ברירה...

12 רבותי, איך בין זיך מודה! אַ מין חולשה אַזוינע האָב איך פֿון קליינווײַז אויף, **נישט פֿאַר ייִדן געדאַכט**, וואָס אויף זייער לשון הייסט עס: ׳ליבשאַפֿט צו דער נאַטור׳, דאָס הייסט צו אַלצדינג, וואָס וואַקסט, וואָס שפּראָצט, וואָס לעבט, וואָס געפֿינט זיך אין דער וועלט. עס ציט מיך, ציט, **ניט פֿאַר אײַך געזאָגט געוואָרן**. עס קריכט מיר אַ מאָל אין קאָפּ אַ צאַצקעלע, אַ שיין פּנימל, אַ בילד, אַ געשטאַלט — אַ גרעזעלע, אַ ביימעלע, אַ רייזעלע, אַ פֿייגעלע. סטײַטש, סטײַטש, וועט מען זאָגן, ווי שעמט זיך עס נישט אַ ייִד מיט אַ באָרד, אַ ייִד אַ נצרך, אַ באַווײַבטער, אַ טאַטע פֿון קינדער, וואָס באַדאַרף בדרך־הטבֿע זיך זאָרגן... טראַכטן, קלערן תּכלית־זאַכן, און גאָר אַ חוץ דעם, ווי שעמט זיך נישט גלאַט סתּם אַ ייִד אין זינען האָבן נאַרישקייטן, נאַטור־שמור, קונדייסקע זאַכן? אוי, איך ווייס, ווייס זייער גוט, **אַז אַזוינס פּאַסט נישט פֿאַר אַ ייִדן**, נאָר וואָס זאָל איך פֿאָרט טאָן, אַז דאָס איז בײַ מיר, **לא־עליכם**, אַזאַ געבוירענער מיחוש, אַ יצר־הרע, וואָס ציט מיך דערצו ווי אַ מאַגנעט. און נאָך ווען? עפּעס ווי אויף צו להכעיס דווקא אין דער מיט באַשעפֿטיקונג מיט עפּעס ערנצטס, וויכטיקס, ווי מיט ייִדישקייט, אַ שטייגער, און מיט פּרנסה־זאַכן. אין דער מיט ׳קידוש־לבֿנה׳ — שטעלט אײַך פֿאָר בשעת אין רעכטן זאָגעניש, שאָקלעניש צווישן דעם עולם, טוט עס מיך אַ צי אַרויף צום שיינעם, אויסגעשטערנטן בלויען הימל מיט דער פֿאַרטראַכטער, מרה־שחורהדיקע לבֿנה, מלא־חן, עס טראַכט זיך, גאָט ווייס וואָס, עפּעס ליכטיקע צורות, שיינע, ברענענדיקע , פֿאַרטראַכטנדיקע אויגן, אַ זיפֿצעניש, געדיכטע צווײַגנהאַפֿטיקע לינדן־ביימער. און פֿרעגט מיך בחרם, וואָס דאָס מויל מײַנס בעבעט דאָרט אַזוינס. יענער צו מיר: שלום־עליכם! און איך צו אים: לכה דודי לקראת כּלה!... דאָס גלײַכן איז מיט דעם אתרוג, מיט דעם לולבֿ, מיט די הושענות. איך פֿאַרגעס די מיצווה, דעם ׳לשם ייחוד׳, וואָס דרינען; קודשא בריך הוא מיט דער שכינה אין דער זײַט, מיר טוט הנאה ווי שיין, ווי פֿריש, ווי זיי שמעקן אַ מחיה. דער עניין צום תּשליך גיין, אַזאַ ייִדישע ערנצטע זאַך, אָפּשאָקלען זיך פֿון די עבֿירות, ווערט בײַ מיר גאָר אַ שיינער שפּאַציר. בײַם זאָגעניש דאָרט פֿאַרקוקן מיר זיך די אויגן אויפֿן טײַך, אויפֿן גרינעם געמייזעכץ, וואָס ציט זיך אים אויף יענער זײַט העט־העט ווײַט. און זע פֿאַר מיר אַ לויפֿנדיק, מורמעלדיק וואַסערל, שטאָלץ־שווימענדיקע גענדז, עס ווייעט אַ ווינטל, עס שושקען זיך הויך־געוואַקסענע ׳טשערעט׳, עס שוועבט זיך, עס שפּיגלט זיך אַ הושענא־ביימל, אָנבויגנדיק זיך מיט די צווײַגלעך אין וואַסער. לויטער איז דער הימל, די לופֿט פֿריש, אַ געטלעכע שטילקייט אין טאָלן, בערגלעך און וועלדלעך אַרום און אַרום. עס ציט עפּעס בײַ דער נשמה, עס בענקט זיך, גלוסט זיך — אוי, רבונו־של-

עולם! — אַליין נישט צו וויסן וואָס... שפּאַצירן גייִן איז מײַן לעבן. אויפֿן פֿעלד, אין וואַלד בין איך גאָר ניט דער, וואָס אין שטאָט, כ׳בין פֿרײַ, אויסגעטאָן פֿון יאָך. וואָס מיר ווײַב, וואָס מיר קינד, וואָס מיר ייִד, וואָס מיר זאָרג? איך שעפּ נחת, גיי אויס פֿאַר תּענוג פֿונעם אייבערשטנס ווערק, גיב מיך איבער מיט אַלע חושים און ווער ווי דערטרונקען אין גאָטס וועלט דער שיינער!...

13 אָט דער יצר־הרע, **נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, ייִדישע קינדער,** ער האָט עס אין מיר געבוירטשעט: מענדל! דער האַנדל מיט ספֿרים איז פֿאַר דיר ווי אָנגעמאָסטן. פֿאַרזעץ באַדײַ אַ משכּון, דעם ווײַבס ביסל צירונג, קויף אַ פֿערד־און־וועגעלע, פּאַק עס מיט ספֿרים און לאָז זיך אין דער וועלט. יאָ פֿאַרדינען, נישט פֿאַרדינען — אַלץ איינס, דער עיקר איז דאָס אַרומפֿאָרן, דאָס פֿאַרגעניגן וואָס דו וועסט האָבן פֿונעם אָנזען זיך, אָנהערן־זיך אונטערוועגס שיינע זאַכן. פֿאָרנדיק אין וועג וועסטו זיך ליגן צעלייגט ווי אַ מלך בײַ דיר אויפֿן וואָגן און צוקוקן זיך איטלעכס פּיצל פֿון גאָטס קונציק שיינע ווערק און זײַנע באַשעפֿענישן. אויף בערג און טאָלן, אויף פֿעלדער און וועלדער. דאָס פֿערדעלע וועט זיך שלעפּן פּאַמעלעכן־פּאַמעלעכן און דו וועסט זיך קוקן־קוקן. אַזוי — אין וועג, און קומענדיק אין שטעטלעך, אין שטעט, וועסטו אָנקוקן מיני ייִדן, שיינע צורות, פֿײַנע־בריות, מאָדנע פּאַרשוינען, אַלערליי נפֿשות, געקרימטע רוקנס, פֿאַרריסענע נעזער, לאַנג־הענטיקע, קלעפּיק־פֿינגערדיקע, אַזוינע און אַזוינע פֿונעם אַלטן און נײַעם שניט. וועסט האָבן פֿון זיי צו דערציילן מעשׂיות; צו זינגען און צו זאָגן.

14 הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין, ייִדישע קינדער?

15 אַצינד, **נאָך** אַ היפּשע צײַט אַרומפֿאָרן אין דער וועלט, בורטשעט אין מיר ווײַטער דער **יצר־הרע.** נעם — בורטשעט ער — נעם דרוק אָפּ מעשׂיות וואָס דו האָסט צו דערציילן פֿון ייִדן פֿאַר דער גאַנצער צײַט אַרומשלאָנדרעווען דײַנס צווישן זיי! נישקשה, זיי מעגן הערן, **דאָס וועט זיי חלילה ניט שאַטן!**

16 טאַ! — האָב איך מיך באַטראַכט — מהיכא־תּיתי, לאָז זײַן אַזוי.]

17 דאַכט זיך, אַלצדינג אָפּגעזאָגט און יוצא[49]. איבעריקנס, בין איך דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. אפֿשר האָב איך עפּעס פֿאַרגעסן. וועל איך, דערמאָנענדיק זיך, עס אַרויס־

49 דאַכט זיך, איך האָב שוין מײַנס יוצא געווען, אַלצדינג אײַך אָפּגעזאָגט, און מעג שוין אָנהייבן מײַן סיפּור־המעשׂה.



זאָגן, בלי־נדר, אין איינעם פֿון מײַנע שפּעטערדיקע ביכלעך[50]. און ווײַטער, אויב עמעצער וועט קיין צײַט נישט האָבן באַלד טאַקע וועלן וויסן ׳כּל־דבֿר־שורש׳[51], מעג ער זיך מטריח זײַן מיר שרײַבן, וועט ער אין גיכן פֿון מיר באַקומען אַ קלאָרע תּשובֿה[52].

18 מײַ אַדרעס איז: מענדעליו יודעלעוויטשו מוכערו ספֿאָרעמו אווו גאָראָדי צבֿיעטשיצו. דעם טיטל ׳גאָספּאָדינו יעווריעיו׳ באַדאַרף מען נישט שרײַבן. [נישקשה,] מען וועט אַזוי אויך וויסן[53].

50 מעגט איר מיר זיכער גלייבן, אויף מײַן וואָרט, אַז ווי באַלד איך וועל מיך נאָך דערמאָנען, וועל איך עס גאַנץ געוויס צושטעלן אין איינע פֿון מײַנע מעשׂיות, וואָס איך האָב בדעה מיט גאָטס כּוח איינע נאָך דער אַנדערער אָפּצודרוקן.

51 כּל־שורש־דבֿר, איטלעכס פּיצעלע.

52 מעג ער זיך מטריח זײַן צו מיר צו שרײַבן און וועט באַקומען פֿון מיר אין גיכן אַ קלאָרע תּשובֿה.

53 שאַט, שאַט, רבותים! עיקר שכחתי. גוט, כ׳לעבן, וואָס איך האָב מיך בײַ צײַטנס אַרומגעקוקט. דער מנהג פֿון אונדזערע ייִדישע מחברים איז, ווי איטלעכן איז באַקאַנט, אַרײַנצושטעלן זייערע ווײַבער, די צנועות, אין זייערע ספֿרים בפֿירוש מיט די נעמען, אָדער מיט אַ המצאהלע דורך ראָשי־תּיבֿות און אָפּצולויבן אין טאָג אַרײַן זייער גוטסקייט און פֿרומקייט. בכן, וועט איר דאָך אַוודאי וועלן וויסן לכל־הפּחות ווי מײַן ווײַב הייסט, און וועט טאַקע זײַן זייער גערעכט.

שאַט, זי הייסט יענטע!